STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01712

YIDISHER NATSIZM IN PALESTINE

I. Szczaranski

*Permanent preservation of this book was made possible
by Miriam Buchweitz & Family. Menachen & Zellie Balfour & Family
in honor of
the 90th birthday of Hilda Balfour*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. שטשאַראַנסקי

יידישער נאַציזם אין פאַלעסטינע

וואַרשע, 1938

Printed in Poland

I. SZCZARAŃSKI
IDYSZER NACYZM
IN PALESTYNE

Warszawa 1938

Druk. „Kairo“, Warszawa

פאָרוואָרט

מיט דעם אַרויסגעבן דעם ערשטן באַנד „יידישער נאַציזם אין פּאַלעסטינע“ וויל איך, מער וויניקער, געבן אַ טייל דער־פון, וואָס עס אינטערעסירט דעם יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש.

כּדי דער לעזער זאָל נישט אַריינפאַלן אין קיין טעות, לייענענדיק דעם ערשטן באַנד, וויל איך אים מאַכן אויפמערק־זאַם, אַז איך בין נישט, חס וחלילה, אויסן צו וואַרפן די שולד פון יידישן נאַציזם ; אויף דעם גאַנצן יידישן פאָלק, נאָר בלויז אויף דעם טייל, וועלכן דער ציוניזם האָט אויפגעהאָדעוועט אין זיין ספּעציפישן גייסט.

דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז אין אַ גרויסן פּראָצענט פון בעל־הבית'שן שטאַנד, וועלכער האָט אַדורכגע־מאַכט די ציוניסטישע הבשרה אָדער אַ סתם־ציוניסטישע דער־ציונג. אָבער, נישט קוקנדיק, וואָס די ציוניסטישע עליה ווערט שטרענג קאָנטראָלירט, אַז זי זאָל זיין פון אַ ריין קרישטאָל־ציוניסטישן עלעמענט, געפינען זיך דאָך געוויסע טיילן פון עולים, וועלכע שאָקלען זיך שנעל אָפּ פון דער נאַציסטישער ליניע, וועלכע דער ציוניזם פירט קאָנסעקווענט דורך אין פּאַלעסטינע.

דער מחבר

1

איך פאַר צוועק. — אויף דער באַן. — אַ זמרל.

זייענדיק אַ ציוניסט און האָבנדיק געוויסע פאַרדינסטן פאַר דעם ציוניזם און זיינע פאָנדן, און דער עיקר, האָבנדיק גרויסע פּראָטעקציע ביים פאַרטיילן די ציוניסטישע סערטיפיקאַטן, דערוויס איך זיך צופעליק אין די הויכע פענצטער, אַז עס זענען אָנגעקומען צוויי סערטיפיקאַטן פאַר טעקסטיל־פאַכלייט פון אַ געוויסער פאַלעסטינישער פירמע „זאַקס עט קאָמפּ.‟ פון רמת־גן.

נאָכן צושטעלן אין ענגלישן קאָנסולאַט קוואַליפיקאַציע־בריוו פון פירמעס, ווו איך האָב געאַרבעט אַלס פאַכמאַן, באַווילִיקט דער קאָנסול אין וואַרשע צו געבן מיר די וויזע קיין פאַלעסטינע.

פעברואַר 1935 באַקום איך אַ בריוו פונם צענטראַלן פאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע, אין וועלכן זיי טיילן מיר מיט, אַז איך בין באַשטעטיקט עולה צו זיין, און גלייכצייטיק שרייבן זיי מיר, אַז איך דאַרף איינצאָלן 312 זלאָטעס אויף רייזע־שפעזן.

נאָכן באַקומען דעם גליקלעכן און לאַנג דערוואַרטענעם בריוו פון פאַלעסטינע־אַמט האָב איך אָנגעהויבן מיין ביסל אָרעמקייט צו פאַרקויפן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַר שפּאָטישע פּרייזן. נאָכן צוזאַמענשטעלן די מיר נויטיקע סומע בין איך געפאָרן קיין וואַרשע איינצאָלן אויף רייזע־הוצאות.

איך קום אין פאַלעסטינע־אַמט, דערקלערט מיר דער באַאַמטער, אַז איך מוז נאָך צוצאָלן 50 זל., אויסער די 312 זל. פאַר דעם „קרן־היסוד‟, ווייל איך האָב דאָס לעצטע יאָר פאַר דעם „קרן־היסוד‟ נישט געצאָלט.

איך בלייב אין אַ פאַרלעגנהייט. פון וואַנען נעמט מען פרישע 50 זלאָטעס? אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָב איך שוין פאַרקויפט. איך פרווו ווייטער צו שאַפן פראָטעקציע, אָבער עס העלפט נישט. מיין פראָטעקציאָנער דערקלערט מיר, אַז עס איז דאָ אַ באַשלוס, אַז ווער עס האָט נישט געצאָלט דעם „קרן-היסוד"-שטייער דעם לעצטן יאָר, דעם דאַרף מען נישט געבן די מעגלעכקייט עולה צו זיין.

האָבנדיק אין וואַרשע באַקאַנטע, האָב איך זיך ביי איינעם געבאָרגט די 50 זלאָטעס, צוזאָגנדיק אים, אַז העכסטנס דעם צווייטן חודש וועל איך אים אָפּשיקן פון פּאַלעסטינע צוויי פונט. איך האָב אים אויך געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל אים שיקן אַן אויספאָדערונג.

דעם צווייטן האַלבן מערץ 1935 זענען מיר פון וואַרשע אָפּגעפאָרן. עס איז אין וואַרשע דעם טאָג געווען אַ גרויסער רעגן, דאָך זענען געקומען צו דער באַן אונדז באַגלייטן הונדערטער מענטשן, צו געזעגענען די גליקלעכע אָפּרייזנדע, וועלכע פאָרן אין לאַנד פון פּראָספּעריטי.

אָבסערווירנדיק די באַגלייטער, איז לייכט געווען צו באַמערקן, אַז יעדער האָט מקנא געווען זיינע נאָענטע, וועלכע ער האָט געזעגנט. יעדער האָט זיך געבעטן כמעט דאָס זעלבע: זאָלסט געדענקען צו שיקן אַן אויספאָדערונג! און פיל פון די באַגלייטער האָבן אויך געבעטן, אַז מען זאָל זיי שיקן עטלעכע פונט. „שפּילט אַ ראָלע אין נייעם אַמעריקע עטלעכע פונט?" — זאָגט אַ עלטערע פרוי צו איר טאָכטער. אַ צווייטע פרוי וויינט: עס איז איר, נעבעך, באַשערט, אַז די טאָכטער זאָל אַ כלה ווערן אין פּאַלעסטינע, און זי וועט נישט קאָנען זיין אויף איר טאָכטערס תנאים א. ד. ג.

ענדלעך, נאָך אַ שעה צייט, אָנהערנדיק זיך פון די געזעגענונגען, גייט דער צוג אָפּ. מיר עטעמען קוים אָפּ, און גלייך שאַפט זיך איינער מיט דעם צווייטן קאָנטשאַפט. אויך איך באַקען זיך מיט פריילין ל., וואָס איר מוטער וויל, אַז זי זאָל איר שיקן עטלעכע פונט, און מיט פריילין ג., וואָס איר מוטער האָט

ערשט מיט אַ שעה צוריק געווינט, אַז עס איז איר, נעבעך, באַשערט אַז זי זאָל נישט זיין אויף איר טאָכטערס תנאים, און מיט נאָך אַ צענדליק עולים*), וועלכע זענען אין וואַגאָן געפּאַקט ווי די הערינג.

מיט וועמען איך רעד, הער איך איין און די זעלבע טענה: דער פּאַלעסטינע־אַמט רייסט, ווי די חברה־קדישאַ ביי אַ טויטן. „איבער דריי הונדערט און פופציק זלאָטעס האָט אָפּגעקאָסט" — זאָגט יעדער — „און עס דאַרף נישט קאָסטן מער, ווי הונדערט און זעכציק זלאָטעס". אַזוי קלאָגן זיך אַלע אָן אויסנאַם. נאָר איינער זיצט און שווייגט די גאַנצע צייט. ענדלעך, נאָכן אויסהערן אַלעמען, רופט ער זיך אָן: „עס איז דען נישט ווערט צו זיין אין ארץ־ישראל פאַר 350 זלאָטעס? מיך — זאָגט ער — האָט געקאָסט פיל טייערער און איך האָב צו קיינעם קיין פּרעטענסיעס נישט".

איך הייב אָן מיט דעם „שווייגער" (אַזוי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן, ווייל ער האָט אַ צייט לאַנג געשוויגן, און דער נאָמען איז אים שוין פאַרבליבן). צו רעדן, אָבער ער לאָזט מיך נישט רעדן, ער וויל, אַז איך זאָל אים בעסער אויסהערן. איך זע, אַז זיין צונאָמען, וואָס ער האָט באַקומען פון די רייזנדע, איז ווייט נישט קיין ריכטיקער, ווייל ער קען רעדן מער, ווי צען ווייבער. קודם־כל האָט ער פּרעטענסיעס צו די מיטפאָרערס, ווייל זיי טענהן, אַז מען האָט ביי זיי געשינדן די הויט, צווייטנס, אַז דער פּאַלעסטינע־אַמט קלויבט נישט אויס קיין גוטן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר ארץ־ישראל, און נאָך פאַרשידענע טענות, אויף וועלכע עס וואָלט נישט געסטייעט פּאַפּיר זיי אָנצושרייבן. דאַן דערציילט ער מיר, אַז ער פאָרט אַלס טוריסט און ער האָט געמוזט איינלייגן ביים ענגלישן קאָנסול זעכציק פונט קויציע, און דאָס געלט רעכנט ער שוין ווי פאַרפאַלן, ווייל ער האָט נישט בדעה צוריקצוקומען. „דאָרט" האָט ער פיל באַקאַנטע און ער

---

*) צוליב דעם, וואָס געוויסע פּערזאָנען געפינען זיך נאָך אין פּאַלעסטינע, קען איך זייערע נעמען נישט אָנגעבן.

איז אַ גוטער שלאָסער. ווען ער וועט זיך נאָר איינאָרדנען — גיט ער צו — וועט ער אויך זיין פרוין מיטן קינד אַרויספאָדערן, ער וועט זיך — גלייבט ער — קאָנען פאַר געלט לעגאַליזירן.

כמעט אַלע רייזנדע, מיט וועלכע איך פאָר, גלייבן, אַז פּאַלעסטינע איז דאָס איינציקע פּראָספּעריטי־לאַנד. „דאָרט" וועט מען זיך קאָנען בעסער אויסלעבן, ווי אין דער אַלטער היים.

פון צייט צו צייט ווערט די שטימונג פרייליכער. דער עולם הייבט אָן איינציקווייז אונטערצוזינגען אַ היימיש לידל, וועלכעס ווערט אונטערגעכאַפּט פון די איבעריקע. עס פעלט נאָר גרוימקייט צום טאַנצן אַ „הוירא", און דאָס שטערט אַביסל צו דער פאַרפולונג פון דער התלהבות.

ביסלעכווייז ווערט צוריק שטילער און דער עולם ווערט איינציקווייז אַנטשלאָפן.

באַגינען ווערן מיר איבערגעוועקט פון אַ זמרל, וועלכעס קומט פון צווייטן וואַגאָן. די שטימען הערן זיך אַזוי שיין און זיס, אַז פיל רייזנדע גייען אַריבער אינם וואַגאָן, פון וואַנען עס הערט זיך דאָס „השכמה"־געזאַנג.

אין אַ אָפּגעזונדערטן קופּע זיצן עטלעכע יינגלעך און מיידלעך אין שומרישע בלוזעס און זיי זענען אָט די, וועלכע האָבן וואַכעדיק געמאַכט מיט זייער זינגען אַלע מיטרייזנדע. אָבער זיי לאָזן קיינעם נישט אַריבערגיין די שוועל פון זייער קופּע.

איינע פון די שומרקעס קוקט אויף מיר זינגענדיק. פּלוצים רייסט זי איבער איר „גוט־מאָרגן־תּפילה" און פרעגט מיך, צי זי האָט מיך נישט געטראָפן מיט עטלעכע טעג צוריק ביי ג. ש. אין ווארשע. איך דערמאָן זיך, אַז פאַקטיש האָב איך זי טאַקע ביי ג. ש. געטראָפן.

צוליב אונדזער אַזוי גערופענער מחותנשאַפט, ווער איך אַביסל דרייסטער און איך מאַך אַ פּרווו איבערצוטרעטן די שוועל פון שומרישן היכל. קיינער פון די שומרים זאָגט מיר נישט קיין שלעכט וואָרט.

אַהערקזעצנדיק זיך נעבן מיין צופעליקער באַקאַנטער און אָנהייבנדיק מיט איר צו רעדן וועגן ג. ש. (אויך אַ שומרת) ענ־דיקן דערווייל די רעשט שומרים דאָס זינגען.

איך באַקען זיך מיט די שומרים און שומרקעס. ווען זיי דערוויסן זיך פון מיר, אַז איך בין אַ נאָענטער פאַמיליאַנט פון ג. ש., לאַדן זיי מיך איין צו פאַרן צוזאַמען אין זייער קופּע.

רעדנדיק מיט מיינע פרישע באַקאַנטע, האָב איך זיי אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף דער נישט־טאַקטישער האַנדלונג לגבי די מיטרייזנדע, וועלכע זענען געקומען הערן זייער „השכמה"־געזאַנג.

איינער פון די שומרים ענטפערט מיר אויף פויליש „Niech עמך głowy nie zawraca".

דער אומגעריכטער ענטפער האָט מיר געגעבן אַ שטאָך אין האַרצן, און איך בין צוריק אַריינגעגאַנגען אין מיין וואַגאָן; עס האָט דווקא איצט זיך געגלוסט צו זיין צווישן „עמך".

2

אין טריעסט. — טריעסטער בית־עולים. — אויף דעם שיף. — אָנקומענדיק אין פּאַלעסטינע.

נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע צענדליק שעה און אַדורכמאַכנדיק עטלעכע „העפלעכע" גרענעץ־קאָנטראָלן, קומען מיר אָן אין טריעסטער באַן־וואָקזאַל.

אַראָפּגייענדיק פון באַן אין טריעסט הייבט יעדער אָן צו לויפן מיט די פעקלעך צו דער שיף, ווייל אין פיר שעה אַרום דאַרף די שיף אָפּגיין, און יעדער וויל אָנקוקן עפּעס אינטערע־סאַנטעס.

אַז מיר קומען אין שיפס־וואָקזאַל, דערוויסן מיר זיך, אַז די שיף וועט אָפּגיין ערשט שבת אָוונט ד. ה. מיט אַ פאַרשפּע־טיקונג פון צוויי טעג.

מיר בלייבן אין אַ פאַרלעגנהייט, פון וואַנען נעמט מען געלט אויף נאַכט־לעגער, און פריילין ג. זאָרגט זיך, אַז מיר וועלן ערשט אַרויספאָרן שבת פון טריעסט, וועלן מיר אָנקומען אַ טאָג נאָך פורים און פּאַלעסטינע און מיר וועלן נישט זען די עדליאָדע אין תל־אביב. איך באַרויִק זי, אַז דאָס יאָר גייט נאָך די וועלט נישט אונטער, און זי וועט קענען זען די עדליאַדע דעם צווייטן פורים.

נאָך עטלעכע שעה האָבן מיר איינגעזען, אַז אונדזער זאָרג וועגן אַ נאַכט־לעגער איז געווען אַן „אומזיסטע״.

די שיף־געזעלשאַפט האָט צו אונדז גערופן די פּאַרוואַל־טערין פון טריעסטער בית־עולים, וועלכע האָט אונדז געטרייסט— אין איטאַליעניש און נאָכהער אין אַ שלעכטן דייטש — אַז זי וועט אונדז באַזאָרגן מיט נאַכט־לעגער פונקט ווי אַן אייגענע מאַ־מע, נישט ערגער.

אין טריעסטער בית־עולים באַקען איך זיך מיט עטלעכע מאַן פון פוילן, וועלכע זיצן שוין דאָ עטלעכע וואָכן; זיי וואַרטן, אַז מען זאָל זיי שיקן פון וואַרשע סערטיפיקאַטן.

זיי זענען שוין געווען מיט אַ ציוניסטישן מאַכער אין פּאַ־לעסטינער חיפהער פּאָרט, נאָר מ׳האָט זיי דאָרט נישט אַראָפּ־געלאָזט, ווייל זיי זענען געפאָרן אומלעגאַל. די מאַכערס האָבן ביי זיי גענומען צו טויזנט זלאָטעס פון אַ מאַן. איצט וואַרטן זיי. אויב זיי וועלן ביז דעם ערשטן אַפּריל נישט באַקומען פון וואַרשעווער פּאַלעסטינע־אַמט קיין סערטיפיקאַטן, וועלן זיי צוריקפאָרן נאָך פוילן און די גאַנצע אַפּערע איבערגעבן דער פּראָקוראַטור, ווייל זיי האָבן אויף דעם געלט קוויטונגען פון די מאַכערס.

איינער פון די אָפּגענאַרטע בעט זיך, אַז ווען מיר וועלן קומען אין פּאַלעסטינע, זאָל מען זייער טראַגעדיע באַשרייבן אין דער פּאַלעסטינער פּרעסע.

נישט האָבנדיק קיין חשק די צווייטע נאַכט ווייטער צו שלאָפן אין טריעסטער בית־עולים צו עטלעכע מאַן אין אַ בעט און נישט קענען זיך אויסרוען, האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער

שיף־געזעלשאַפט, אַז מיר ווילן ליבער איבערנעכטיקן די צווייטע נאַכט אויף דער שיף.

זייענדיק פרייטיק אָוונט אויף דער שיף, האָבן די חלוצים אָנגעהויבן צו טאַנצן די „הורא״. פיל טריעסטער אייגוווינער זענען געקומען אין פּאָרט זען, וואָס אַזעלכעס עס האָט פּאַסירט, ווייל דאָס געזאַנג האָט מען בייגאַכט געהערט אין שטאָט. „טוב למות בשביל ארצינו״ — האָט געקלינגען ביז אין הימל אַריין.

שבת אָוונט זענען מיר אָפּגעפאָרן פון טריעסט מיט דער שיף „אַהזאַניאַ״. ווי נאָר די שיף האָט אָנגעהויבן פאָרן, האָט גלייך דער גרעסטער טייל אָנגעהויבן ברעכן פון דער ים־קרענק, און די חלוצים האָבן אויפגעהערט צו זינגען „טוב למות״, עס האָט זיך זיי בעסער געוואָלט לעבן.

דאָנערשטיק זענען מיר אָנגעקומען קיין פּאַלעסטינע, און אַ טאָג פריער, מיטוואָך, איז געווען פּורים. פריילין ג. האָט גע־האַט שטאַרק קרענקונג, וואָס זי האָט פאַרשפּעטיקט די עדליאַדע.

אָנגעקומען אין תּל־אביב מיד און צעבראָכן פון דער רייזע, בין איך געגאַנגען צו מיינס אַ קרוב, וועלכער האָט מיך אָפּגע־וואַרט אין תּל־אביבער וואָקזאַל. דעם ערשטן „פּאַרדרוס״, וואָס ער האָט מיר אָנגעטון, איז געווען: „אַ שאָד וואָס ביסט נישט געקומען מיט אַ טאָג פריער, וואָלסטו — זאָגט ער — געקאָנט זען די עדליאַדע״.

— נו, מילא, — ענטפער איך — וועל איך זען די עדליאַדע דעם צווייטן פּורים. איך בין דאָך נישט — גיב איך צו — געקו־מען אַלס טוריסט, נאָר אַלס פּיאָנער.

אָנגעזעטיקט פון דעם פּורים-יום־טוב, הערט ער נישט אויף מיר צו דערציילן, וואָס ער האָט נעכטן אַלץ געזען. איך דער־כאַפּ זיך דערווייל דאָס הארץ מיט אַ גוט ביסל כּרמל־ווייז, וואָס איז אים געבליבן פון יום־טוב, און ער דערציילט מיר, אַז אין צוג, וועלכער האָט מאַרשירט, איז געווען איבער זיבעציק טויזנט מאַן, און צווישן די פיל אויטאָמאָבילן, וועלכע זענען גע־פאָרן אין צוג, איז געווען אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ, אויף וועלכן

עס זענען געזעסן אַ ייִד מיט אַכצן קינדער־עך, וועלכע האָבן געהאַלטן אַ טראַנספּאַרענט מיט דער אויפשריפט „תּוֹצֶרֶת הָאָרֶץ״, דאַן אַ צווייטער אויטאָמאָביל מיט „גראַבסקיס עגלה״ און ווייטער אַ גרויסער אויטאָמאָביל, אויף וועלכן מ׳האָט געוויזן, ווי מען פּייניקט יידן אין רוסלאַנד א. א.

איך פרעג אים צי ער האָט דאָס אַלץ נישט געזען פּאַר צוויי צענדליק יאָר, ווייל גראַבסקיס עגלה איז געווען אין יאָר 1925, און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1915. נאָר ווי איך זע איין פון זיינע רייד, האָט מען ערשט נעכטן דאָס אַלץ געוויזן אין תּל־אביב.

איך וועל מיד אויסצוהערן זיינע פּורים־מעשׂיות און אַ מידער לייג איך זיך אָוועק און ווער אַנטשלאָפן.

צומאָרגנס אין דער פרי פאָר איך נאָך רָמַת־גַן, צו דער פירמע „זאַקס עט קאָמפּ.״, וועלכע האָט מיך ספּעציעל אַרויסגעפאָדערט אַלס פאַכמאַן.

3

אין רמת־גן ביי פירמע זאַקס. — איך פאַרשרייב זיך אין „הסתדרות“. — איך הייב אָן צו אַרבעטן ביי פירמע דעלפינער. — מה איכפּת לי הרופא? — אַ טומל צווישן די אַרבעטער. — איך ווער דעגראַדירט. — מיין ערשטער רעפאַרטאַזש. — אַ באַזוך ביי ח׳ זרובבל. — אין פּאָסט־אַמט.

פאָרנדיק אין אויטאָבוס נאָך רמת־גן, טראַכט איך, אַז דער פאַבריקס־לייטער וועט געוויס זיין צופרידן, וואָס איך בין שוין געקומען צופאָרן, און אויך איך בין אָן געלט און דאַרף אַרבעט.

אַריינקומענדיק אין פאַבריקס־קאַנטאָר פון פירמע זאַקס, מעלד איך זיך צו ה׳ זאַקס און ווייז אים די פּאַפּירן, אַז איך בין דער, וועלכן ער האָט אַרויסגעפאָדערט אַלס פאַכמאַן, און איך פרעג אים, ווען איך קאָן אָנהייבן אַרבעטן.

ה׳ זאַקס ענטפערט אויף מיין פראַגע מיט אַ שמייכל, וואָס איז פול מיט ביטול, דאַן זאָגט ער: „איך האָב פאַר מיינע מענטשן אויך נישט קיין אַרבעט״.

איך מיין, אַז ה׳ זאַקס מאַכט אַ שפּאַס, און איך זאָג צו אים: „ווען איר וואָלט מיך נישט געדאַרפט נייטיק, וואָלט איר דאָך מיך נישט אַרויסגעפאָדערט״.

ה׳ זאַקס הערט מיך אויפמערקזאַם אויס און זאָגט: „וויפל האָבן אייך מקנא געווען מיט דעם סערטיפיקאַט? איך האָב נאָר אויסגענוצט די מעגלעכקייט מיינע צו שיקן אַ סערטיפיקאַט, אָבער איך דאַרף נישט קיינעם צו דער אַרבעט. פאַרשטייט, — זאָגט ער ווייטער, — מיר מוזן האָבן וואָס מער יידן אין ארץ־ישראל, און איר האָט אַ טענה, וואָס איך האָב אייך געבראַכט אין לאַנד פון אונדזערע אבות?״

איך פאָר צוריק נאָך תל־אביב אַ ביסל אַ מוטלאָזער, ווייל זייענדיק זיכער, אַז איך בין געקומען אַרבעטן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך בין געקומען נאָר, כדי צו פאַרגרעסערן די עליה, און בלויז פון דעם וועט מיין מאָגן נישט זאַט ווערן.

איך ווער אָבער נישט געפאַלן ביי זיך, טראַכטנדיק, אַז מעגלעך איך וועל באַקומען אַרבעט אין אַן אַנדערער פאַבריק.

אין תל־אביב גיי איך צו פאַרשידענע באַקאַנטע זיך צו דערוויסן, ווו איך קאָן באַקומען אַרבעט.

מיינע באַקאַנטע זאָגן מיר, אַז איך זאָל זיך גלייך פאַרשרייבן אין „הסתדרות״, און איינער עצהט מיך, אַז פאַרשרייבנדיק זיך אין „הסתדרות״, זאָל איך ביילייגן מיינע בריוו, וועלכע איך האָב געבראַכט פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין פוילן, אַז איך בין געווען אַן אַקטיווער זאַמלער פאַר די ציוניסטישע פאָנדן.

קומענדיק אין „הסתדרות״, ווענד איך זיך צום חבר יפה, וועלכער איז סעקרעטאַר פון דער טעקסטיל־סעקציע. איך פאַרשרייב זיך אַלס מיטגליד און לייג ביי די עטלעכע המלצות־בריוו.

אַדורכלייענענדיק די המלצות־בריוו, האָט מיך חבר יפה אָפּגעמאָסטן מיט אַ פריינדלעכן שמייכל און געזאָגט: „זיי, חבר,

ביי מיר דאַנערשטיק, מעגלעך עס וועט זיך מאַכן פאַר דיר אַן אַרבעטס־פּלאַץ״.

קומענדיק דאַנערשטיק אין „הסתדרות״, טרעף איך דעם חבר יפה אַרומגערינגלט פון עטלעכע אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען וועגן אַרבעט. ווי נאָר חבר יפה דערזעט מיך, הייסט ער מיך זיצן. ער פאַרטיקט שנעל אָפּ די אינטערעסאַנטן און דאַן ווענדט ער זיך גלייך צו מיר: „חבר, — זאָגט ער — עס איז דאָ פאַר דיר אַן אַרבעטס־פּלאַץ, פון דיינע בריוו האָב איך געזען, אַז דו ביסט אַן אייגענער חברה־מאַן״. און ער גיט צו: „חבר, אין מפא״י*) האָסטו זיך פאַרשריבן?״

איך זע אין זיינע רייד, אַז פאַרשרייבן זיך אין מפא״י איז אַ פאָרבאַדינג צו באַקומען אַרבעט. איך ענטפער אים גלייך, אַז איך בין ערשט אַ וואָך צייט אין לאַנד און איך האָב נאָך נישט קיין צוויי באַקאַנטע, וועלכע זענען מפא״י־מיטגלידער, וואָס זאָלן מיר קאָנען אונטערשרייבן די דעקלאַראַציע.

חבר יפה גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז איך האָב גענוג איין מיטגליד און ביילייגן מיינע בריוו, וועלכע איך האָב געבראַכט פון גלות, און מען וועט מיך אָננעמען אַלס מיטגליד. ער גיט מיר אויך אַ נאָמען פון אַ אַרבעטער אין דעלפינערס פאַבריק, וועלכער הייסט ישראלי, און זאָגט: „אַז דו וועסט זיך צו אים ווענדן, וועט ער דיר אונטערשרייבן די דעקלאַראַציע״. דערנאָך גיט ער מיר אַ בריוו צו דער פירמע דעלפינער וועגן דער אַרבעט, וואָס איך דאַרף דאָרט באַקומען.

אַריינקומענדיק אין פאַבריקס־קאַנטאָר פון פירמע דעלפינער זע איך דאָרט זיצן צוויי מאַן, איינער אַ פעט־אָנגעגעסענער און דער צווייטער — אַ קליינער און דערצו שטאַרק אָפּגעצערטער. איך שטעל זיך פאָר, אַז דער מיטן שמאַלץ אונטער דער גאָמבע דאַרף זיין דער אייגנטימער אָדער אַ דירעקטאָר, און איך גיב אים דעם בריוו פון חבר יפה.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו, פירט ער מיך אַריין אין

*) מפא״י — מפלגת פועלי ארץ־ישראל (א״י־ישראלדיקע ארבעטס־פּארטיי).

פּאַבריקס־לאָקאַל און ער גיט מיך איבער צו דעם מייסטער, ער זאָל זען צי איך האָב קוואַליפיקאַציעס צו דער אַרבעט.

נאָך צוויי שעה אַרבעט, רופט מיך דער דירעקטאָר (פון מייסטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ דירעקטאָר) אַריין אין קאַנטאָר און מעלדעט מיר, אַז פון זונטיק אָן קאָן איך קומען אַרבעטן.

אָפּאַרבעטנדיק עטלעכע וואָכן אין פּאַבריק פון פירמע דעל־פינער, וועלכע איז געווען אַ נישט שלעכט געצאָלטע (ביי צוויי מאַשינען באַדינונג, אומגעפער 40–45 פּיאַסטער אַ טאָג, אַקאָרד־אַרבעט), מוז טרעפן אין פּאַבריק אַ צופאַל, אַז איך מוז די אַר־בעט פאַרלאָזן. דער צופאַל איז געווען פאָלגנדער: אין פּאַבריק האָט געאַרבעט די אַרבעטערין זעלדע. חברטע ז. איז געווען פון וואַרשע. דאָרט האָט זי געענדיקט אַ שול און באַקומען מאַטורע.

געקומען איז ח׳טע ז. אין פּאַלעסטינע, ווי פיל אַנדערע, צו שטודירן אויף דעם ירושלימער אוניווערזיטעט. קומענדיק אין פּאַ־לעסטינע, האָט זי איינגעזען, אַז עס איז נישט מעגלעך אויף דעם אוניווערזיטעט צו שטודירן דאָס, וואָס מען וויל, און דער טייוול איז נישט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים, נאָר... אַ ביסל שוואַר־צער. אין פּוילן האָט זי, ווי אַלע אַנדערע, זיך געלאָזט איינגערעדן, אַז אין פּאַלעסטינע קאָן מען אַ האַלבן טאָג שטודירן און דעם צווייטן האַלבן טאָג אַרבעטן. קומענדיק אין פּאַלעסטינע, האָט ח׳טע ז. געזען די ווירקלעכקייט און זי האָט דעם פּלאַן פון שטו־דירן געמוזט אויפגעבן.

מוז זיך טרעפן, אַז ח׳טע ז. זאָל קראַנק ווערן פּונקט אין דער צייט ווען די פירמע דעלפינער וויל, אַז מיר זאָלן אָנ־הייבן אַרבעטן איבערשעהן. די ח׳טע מעלדעט דעם דירעקטאָר, אַז היינט מוז זי זיין אין קופּת־חולים ביים דאָקטאָר און ס׳איז איר אוממעגלעך היינט צו אַרבעטן די איבערשעהן.

דער אָנגעגעסענער דירעקטאָר ענטפערט איר אין לשון־קודש: „מַה אִיכְפַּת לִי הָרוֹפֵא״ (וואָס אינטערעסירט מיך דער דאָקטאָר).

אז ח׳טע ז. ענדיקט די אכט ארבעטס-שעהן, פארלאזט זי די ארבעט און גייט אין קופת-חולים צום דאקטאר.

ווען מיר קומען צוזאמענגנס צו דער ארבעט, זעען מיר, אז דער דירעקטאר, וועלכער פלעגט יעדן טאג קומען 9 אזייגער, איז היינט געקומען פריער פאר אונדז, און ווען די ארבעטערין ז. איז נאר אנגעקומען, האט דער דירעקטאר איר געמאלדן, אז זי האט נישט מער קיין ארבעט אין פאבריק, ווייל זי האט נעכטן נישט געארבעט די איבערשעהן.

אין פאבריק ווערט א טומל צווישן די ארבעטער, צוליב דעם אפזאגן די ארבעטערין ז. עטלעכע ארבעטער פארלאנגען פון דעלעגאט ישראלי, אז מיר זאלן פריער נישט צוטרעטן צו דער ארבעט, ביז די ח׳טע ז. וועט ווערן צוגעלאזט צוריק צו דער ארבעט. אבער דער דעלעגאט איז דערויף נישט מסכים, ווייל ער וויל זיך — דערקלערט ער — פריער באראטן מיטן חבר יפה, דעם סעקרעטאר פון דער טעקסטיל-סעקציע. ער זאגט צו, אז 8 א זייגער וועט ער זיין ביים חבר יפה.

מיר ארבעטן דערווייל די צוויי שעה אן געדולד. האלב 9 קומט חבר יפה צום דירעקטאר אינטערווענירן וועגן דער ארבעטערין ז. און מיר דערוויסן זיך גלייך דעם רעזולטאט פון דער אינטערוועניץ:

די ארבעטערין ז. ווערט פאר נישט ארבעטן נעכטן די איבערשעהן באשטראפט ערשטנס, אז היינט האט זי בכלל קיין ארבעט נישט, און אויב זי וויל ווייטער ארבעטן, מוז זי איינצאלן 5 פיאסטער פארן „קרן קימת לישראל״, דערנאך וועט זי ערשט קענען צוטרעטן צו דער ארבעט.

דער באשלוס, וועלכער האט געהאט די צושטימונג פון „הסתדרות״-פארשטייער, האט אויפגערעגט כמעט אלע ארבעטער אין פאבריק, און מיר האבן זיך פארזאמלט מיטאג-צייט ארומ-צורעדן וועגן דער שטראף, וואס די ארבעטערין ז. האט באקומען.

ווען ס׳איז געקומען צו רייד, האב איך אין א פאר שארפע ווערטער געטאדלט דעם „הסתדרות״ מיט זיין טאקטיק און גלייכ-

צייטיק אָנגעוויזן, אַז די פירמע דעלפינער האָט באַקומען צוואַנציק דונאַם באָדן פון קרן קימת לישראל, וועלכע זענען געקויפט גע־וואָרן פאַר דעם געלט, וואָס מ'האָט געזאַמלט ביי די אָרימע פאָלקס־שיכטן אין דער גאַנצער וועלט.

ווי איך ענדיק נאָר מיין רעדן, קומט צו מיר צו דער דעלעגאַט ישראלי און זאָגט: „ווען איך זאָל געווען וויסן, וואָס פאַר אַ פויגל דו ביסט, וואָלט איך דיר נישט אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע אין מפא״י.

אין עטלעכע שעה אַרום נאָכן אינצידענט קומט דער די־רעקטאָר אַריין אין פאַבריק און הייסט מיך פאַרלאָזן די מאַשינען. ער שטעלט מיך אַוועק ביי אַ צווייטער אַרבעט, וועלכע איז געווען אַ פיל שווערערע און פאַר וועלכער מען האָט געצאָלט אַ פיל קלענערן לוין.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איינער פון די אַרבעטער האָט מן־הסתם איבערגעגעבן דעם דירעקטאָר וועגן מיין רעדן אויף דער מיטאָג־שעה.

אַהיימקומענדיק פון פאַבריק אַ שטאַרק דערנערווירטער, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אָנשרייבן אַ רעפּאָרטאַזש וועגן דער היינטיקער געשיכטע אין פאַבריק.

שבת פרי בין איך געגאַנגען צו אַ געוויסן רפאלי, קאַנענ־דיק אים אַלס גרויסן מפונק אויף שרייבעכץ. האָב איך מיט זיך מיטגענומען די אָנגעשריבענע דעלפינער־געשיכטע, כּדי ער זאָל דאָס איבערלייענען און מיר זאָגן זיין מבינות, צי ס'איז גוט פאַר אַ צייטונגס־רעפּאָרטאַזש.

געטראָפן האָב איך נאָך חבר רפאלי ליגן אויפן געלעגער. איך האָב אים געוויזן מיין אָנגעשריבענע אַרבעט, ער זאָל מיר זאָגן, צי אַ רעדאַקטאָר וועט עס נישט וואַרפן אין קאָרב אַריין.

חבר ר. נעמט לייענען מיין רעפּאָרטאַזש. פלוצים רייסט ער איבער און זאָגט: „איך מוז זיך אָנטון און מיר וועלן בעסער אַרויסגיין צו דער תּערוכה און דאָרט ענדיקן דאָס לייענען, ווייל

אין דיין שרייבן איז דאָ צופיל קריטיק אויף דעם „הסתדרות"
און עס איז נישט געווונטשן אַזעלכעס צו האָבן אין שטוב".

אַרויסקומענדיק צו דער תּערוכה, נעמט ר. ווייטער לייענען.
ווען ער ענדיקט, זאָגט ער: „יאָ, דו פאַרשטייסט אַ דיעלע, אָבער
פון ווען אָן ביסטו געוואָרן אַ שרייבער? דו ביסט ערשט עטלעכע
וואָכן אין לאַנד און שוין אָבסערווירסטו די געמיינהייטן? נאָר
עס שאַדט נישט, — זאָגט ווייטער ר. — דו דאַרפסט דאָס גלייך
איבערשיקן אין אַן אויסלענדישער טאָג-צייטונג, ווייל דאָ וועט
עס קיין שום רעדאַקטאָר נישט אָננעמען. ס'וואָלט גוט געווען, דו
זאָלסט עס שיקן פאַר דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", זיי וועלן
עס אָפּדרוקן".

דערוויסנדיק זיך דעם אַדרעס פון ה' זרובבל, וועלכער איז
ערשט לעצטנס געקומען פון וואַרשע, גיי איך צומאָרגנס אָוונט
צו אים אַריבער פרעגן דעם אַדרעס פון דער „פאָלקסצייטונג".

ה' זרובבל נעמט מיך אויף אַ קרייץ-פאַרהער, צי וואָס איך
דאַרף צו האָבן דעם אַדרעס. „שיינט מיר — זאָגט זרובבל — אַז
מיר זענען צוזאַמען געקומען צו פאָרן פון פוילן, און שוין געפעלט
אייך נישט דאָ? איר האָט שוין עפּעס איבערצוגעבן דער „פאָלקס-
צייטונג" ?"

„יאָ, — זאָג איך — מיר זענען צוזאַמען געקומען, איך האָב
אייך געזען אַרויסקוקן דורכן פענצטער אין באַן-קופּע פון דער
צווייטער קלאַס, אָבער אייך דאַרף נישט אינטערעסירן, וועגן וואָס
איך דאַרף דעם אַדרעס. ווילט איר נישט געבן, — גיב איך צו —
וועל איך זיך דערוויסן ביי אַ צווייטן".

ה' זרובבל נעמט דעם שטעקן אין האַנט און זאָגט צו מיר:
„קומט, איך אייל זיך אויף אַ זיצונג".

אַרויסקומענדיק אין גאַס, גיט מיר ה' ז. דעם אַדרעס און
זאָגט: „יונגערמאַן, איר זענט ערשט געקומען, זוכט אייך אַ בע-
סערע אַרבעט, ווי שרייבן אין „פאָלקסצייטונג". ווי איך זע, ווילט
איר מאַכן דעם זעלבן פעלער, וואָס די מרגלים".

איך דאַנק דעם ה' זרובבל פאַר דעם אַדרעס און פאַר זיי-
ע „עצות טובות" און געזעגן זיך מיט אים.

אָנשרייבנדיק דעם אַדרעס, גיי איך גלייך אין פּאָסט־אַמט אַוועקצושיקן דעם רעפּאָרטאַזש. צוליב דער שווערע וואָג פונם בריוו, ווענד איך זיך צו דעם פּאָסט־באַאַמטן, אַז ער זאָל אים אָפּוועגן און מיר זאָגן, וויפל איך דאַרף צאָלן פּאָסט־געלט.

דער באַאַמטער, לייגנדיק דעם בריוו אויף דער וואָג, לייענט גלייכצייטיק איבער דעם אַדרעס אויף דעם קאָנווערט. ער שטעלט גלייך אָן אויף מיר אַ פּאָר ווילדע אויגן און זאָגט: „דאָס ביסט דו דער מרגל, וואָס שרייבט אין דער „פּאָלקסצייטונג“ ?“

הערנדיק זיינע רייד, ענטפער איך אים, אַז אים דאַרף נישט אינטערעסירן, ווער און וואָס איך בין, און זיין פליכט איז צו דערליידיקן אינטערעסאַנטן.

ער גיט מיר דעם בריוו צוריק און זאָגט: „פאַר אַזאַ שמאַטע דאַרף מען צאָלן 56 מילים“.

נישט וועלנדיק ריזיקירן מיטן בריוו ביי דעם באַאַמטן, האָב איך גענומען אַן אויטאָ נאָך יפו און אַריינגעגאַנגען אין דאָרטיקן פּאָסט־אַמט. דער באַאַמטער — אַן אַראַבער — האָט מיר דעם בריוו אָפּגעוואויגן און געהייסן באַצאָלן 56 מילים.

נאָכן באַקומען די געפאָדערטע סומע, האָט דער באַאַמטער דעם בריוו אָפּגעשטעמפּלט און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאַק בריוו, וועלכע זענען שוין געווען פון פריער פאַרגעברייט צום אַוועקשיקן.

אַרבעטנדיק ביי די פרישע אַרבעט אין דעלפינערס פאַבריק, איז מיר געווען פיל שווערער. דער פאַרדינסט ביי דער איצטיקער אַרבעט איז געווען נישט מער, ווי 22 פּיאַסטער אַ טאָג, אָנשטאָט דעם, וואָס אַלס וועבער ביי די מאַשינען האָט מען פאַרדינט איבער פערציק פּיאַסטער טעגלעך.

נישט קאָנענדיק מיט די 22 פּיאַסטער אַדורכקומען די טאָגטעגלעכע הצטרכותן, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אַ צווייטן אַרבעטס־פּלאַץ.

4

בײַ פירמע ראָזען. — איך ווער אַ שוואַרצער אַר־בעטער. — דער סעקרעטאַר בורשטין. — אויף דער אַרבעטער־בערזע. — איך גײ אויף פּיקעטן.

נאָך אַ צײַט לאַנג זוכן, האָב איך ענדלעך געפונען אַרבעט בײַ דער פירמע ראָזען, אויף צווײ ענגלישע וועב־שטולן.

אָפּאַרבעטנדיק אַ וואָך צײַט, גיט מיר דער דירעקטאָר אײַן פונט אַ קאָנטע אויף דער אַרבעט, און מיר רעדן אָפּ אַ פּרײַז פון 37 מיט אַ האַלבן פּיאַסטער אַ טאָג.

קומענדיק די צווײטע וואָך צו דער אַרבעט, זאָגט מיר דער דירעקטאָר, אַז ער וועט מיר נישט צאָלן מער, ווי 22 פּיאַסטער אַ טאָג, ווײַל איך האָב בײַ דער פירמע דעלפינער מער נישט באַקומען.

איך פּרוביר אים מסביר זײַן, אַז אַלס וועבער האָב איך פאַרדינט איבער 40 פּיאַסטער אַ טאָג און 22 פּיאַסטער האָב איך באַקומען לעצטנס נישט אַלס וועבער, נאָר אַלס רײַגער. אָבער דער דירעקטאָר לאָזט צו זיך נישט רעדן. ער רײַסט מיר איבער די רייד און ער זאָגט: „צאָלן אַ פּרײַז דאַרף מען אַ ציוניסט, אָבער נישט אײַך".

אײַנזעענדיק אין זײַנע רייד, אַז מײַן רעדן אין פאַבריק פון דער פירמע דעלפינער האָט שוין געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין געוויסע קרײַזן און זעענדיק, אַז ער וויל אין קיין פאַל נישט צאָלן מער, ווי די 22 פּיאַסטער, פאַרלאָז איך די פאַבריק.

אַלס מיטגליד אין מפא"י, הײב איך אָן צו זוכן פּראָ־טעקציע, כּדי צו באַקומען אַרבעט. עס געלונגט מיר צו באַ־קומען פון אײנעם אַ פירער אין מפא"י אַ בריוו צום חבר בורשטין (וועלכער איז געווען סעקרעטאַר פון די שוואַרצע אַרבעטער), אַז ער זאָל מיך באַפאַרזאָרגן מיט אַרבעט, ווײַל איך בין אַ מפא"יניק.

* אַז איך בין געקומען צו חבר בורשטין מיט דעם אהובי־ידידי־בריוועלע, גיט ער מיר גלייך אַרבעט צו אַ בנין.

נאָך עטלעכע טעג אַרבעט, זעט דער אויפזעער פונם בנין, אַז איך שלעפּ די ציגל שנעל, הייסט ער מיך צוהעלפן דעם ליים־טרעגער שלעפּן ליים.

און ווען אויף צו מאָרגנס, שלעפּנדיק ליים פאַר די מוי־ערער, האָט אויף אַ מינוט אויסגעפּעלט ציגל, הייבט גלייך אָן דער אויפזעער צו שרייען אויף מיר: „חבר, אַביסל שנעלער! אַזוי ווילסטו בויען די נאַציאָנאַלע היים? שוין טויזנטער יאָרן האָט דער באָדן אויף אונדז געוואַרט און איצט מוז מען די יאָרן דעריאָגן".

איך זאָג אים, אַז ער זאָל מיך נישט רופן חבר. „גענוג — זאָג איך — אַז איר יאָגט די נשמה פון מיר, טאָ זייט נישט מיין חבר".

מיינע ווערטער האָבן דעם פּריץ גאָר שטאַרק באַליידיקט, און ער זאָגט מיר, אַז מאָרגן זאָל איך מער נישט קומען צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך געוואָנדן צום חבר בורשטין, און ער האָט מיר געגעבן אַ צווייטן אַרבעטס־פּלאַץ.

אָפּאַרבעטנדיק ביי דעם פרישן בנין עטלעכע וואָכן, איז דער בנין אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן, און איך בין ווידער געבליבן אָן אַרבעט.

קומענדיק אין „הסתדרות" צום חבר בורשטין וועגן פּ־ישער אַרבעט, זאָגט מיר בורשטין, אַז איך זאָל קומען צו־מאָרגנס נאָכמיטאָג, ווייל ער דאַרף מיט מיר עפּעס רעדן.

געקומען צומאָרגנס צום חבר בורשטין, רופט ער מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט מיר: „חבר, איך הער וועגן דיר נישט קיין גוטע בשורות, דו רעדסט עפּעס ווערטער, וועלכע פּאַסן גאָר נישט פאַר אַן אונדזעריקן. נישט גוט אַזוי, חבר".

איך קוק אויף בורשטינען און באַמערק, אַז זיין בלינד אויג ציטערט ביי יעדן וואָרט. איך טראַכט וואָס אים

צו ענטפערן, ווייל מיין יעדעס וואָרט, קאָן ביי אים ווערן פאַרשידנאַרטיק אויסגעטייטשט.

איך רייס אים איבער און זאָג: „מעגלעך, אַז אַ שונא מיינער האָט עפּעס אויסגעטראַכט אויף מיר, אָדער עס האָט מיך ווער שלעכט פאַרשטאַנען און האָט דערפון געמאַכט אַ ווען. יעדנפאַלס וואָלט איך געוואָלט וויסן, אין וואָס עס האַנדלט זיך".

„אין וואָס עס האַנדלט זיך? — זאָגט נאָך בורשטין — קום אַריין צו מיר די צווייטע וואָך, וועל איך דיר שוין זאָגן".

„גוט, — זאָג איך — איך וועל ספּעציעל אַריינקומען, ווייל עס איז מיר אַליין אויך אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס אַזעלכעס מען האָט געקאָנט אויף מיר אויסטראַכטן".

נאָך אַ לענגערער פּויזע פון אונדזער ביידנס שטילשווייגן, זאָג איך:

„חבר, איך האָב נישט קיין אַרבעט. דער בנין איז שוין אויסגעפּאַרטיקט. אפשר קאָן איך באַקומען אַ פרישן אַרבעטס-פּלאַץ?"

„דערווייל נישט, — ענטפערט בורשטין — די צווייטע וואָך קום אַריין, וועט מען זען".

הערנדיק דעם ענטפער, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז פון „הסתדרות" וועל איך שוין אַזוי לייכט קיין אַרבעט נישט באַקומען.

נישט האָבנדיק קיין באַשעפטיקונג, האָב איך זיך גע-שטעלט אויף דער אַרבעטס-בערזע יעדן טאָג זעקס פרי. אָבער אין פאַרלויף פון דער וואָך האָב איך — פון דעם שטיין אויף דער בערזע — נאָר באַקומען איין טאָג אַרבעט.

מיט האַרץ-קלאַפּונג גיי איך צו בורשטינען אויסהערן די באַשולדיקונג, וואָס ער האָט מן-הסתם שוין אָנגעזאַמלט קעגן מיר. אָבער בורשטין הייסט מיך מיט נאָך עטלעכע אַרבעטער גיין אויף פּיקעטן.

בורשטין דערקלערט מיר, אַז דאָס וואָס ער האָט זיך וועגן מיר אָנגעהערט, איז אים אומגלויבלעך, און אַז איך וועל אַרויסווייזן מיין אַקטיוויטעט ביי די משמרת (פּיקעטן), וועל איך זיך דערמיט רעהאַבּיליטירן.

מיר גייען אַרויס אַכט פּערזאָן פון „הסתדרות״, און חבר בורשטין זאָגט אונדז אָן, אַז אונדזער מיסיע איז אין דעם מאָמענט אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע, ווייל אונדזער אויפגאַבּע איז איצט אַראָפּצוציאָגן די נישט-יידישע אַרבעטער פון די ערטער, וווּ זיי אַרבעטן און דערמיט וועלן מיר שאַפן אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטער.

מיר גייען און קומען צו צו אַ בנין, ווו עס אַרבעטן צוויי אַראַבּישע אַרבעטער.

איך באַטראַכט די צוויי אַרבעטער, וואָס מיר דאַרפן זיי אַראָפּטרייבן פון דער אַרבעט און איך טראַכט: פאַרוואָס ? דאַרפן זיי דען נישט צו עסן פּונקט ווי מיר ? איז דאָס אַ יושר אַראָפּצוציאָגן אַרבעטער, כדי צו באַקומען אַרבעט ? צי הייסט מען אונדז נישט אַמאָל דאָס אייגענע טון מיט די אַראַבּישע אַרבעטער, ווי די אַנטיסעמיטיש-פאַשיסטישע רעאַקציע טוט מיט אונדז יידישע אַרבעטער אין די גלות-לענדער ?

איך פּרוביר וועגן דעם צו מאַכן אַ שמועס מיט מיינע פּיקעטן-שותּפים, און ווי דערשטוינט ווער איך, ווען איך דער-ווייס זיך, אַז אויך זיי דענקען ווי איך.

מיר רעדן זיך גלייך אויפן אָרט אַדורך, וואָס מיר זאָלן טון. אין אַ שעה אַרום זענען מיר אין „הסתדרות״ ביים חבר בורשטין און מיר דערציילן אים, אַז זייענדיק שוין אויף דעם בנין, איז אָנגעקומען אַן ענגלישער פּאָליציאַנט און אונדז גע-וואָלט אַרעסטירן צוליב דעם סקאַנדאַל, וואָס מיר האָבן געמאַכט מיט די אַראַבּישע אַרבעטער, אָבער אונדז איז געלונגען צו אַנטלויפן.

בורשטין האָט אונדז געהייסן קומען צומאָרגנס און אַזוי עטלעכע טעג כּסדר האָט ער אונדז געשיקט אויף פּיקעטן, און מיר זענען יעדן טאָג צוריקגעקומען מיט אַן אַנדערן תּירוץ.

דעם לעצטן טאָג, ווען איך קום אַהיים פון דעם פּיקעטן־שפּאַציר, טרעף איך שוין בײַ מײַן צימער שטיין דעם בעל־הבית פון צריף, און ווי נאָר איך גיב אים אָפּ אַ „שלום", זאָגט ער מיר, אַז איך מוז דאָס צימער פאַרלאָזן, ווײַל מען גייט דעם צריף איינלייגן און שטעלן אַ געביידע אויף דעם פּלאַץ.

איך גיי צו בורשטינען און דערצייל אים מײַן לאַגע, אַז איך האָב נישט קיין געלט אויף צו דינגען אַן אַנדער צי־מער. איך בעט אים, ער זאָל מיר געבן עפּעס אַרבעט, כדי כ'זאָל האָבן פאַר וואָס צו דינגען אַ צימער.

אויסהערנדיק מײַן בקשה, הייסט מיך בורשטין קומען אין אָוונט.

איך קום אין אָוונט אין לאָקאַל פון „הסתדרות". גיט מיר בורשטין אַ בריוו פאַר מיר מיט נאָך דריי פון דער פּי־קעטן־גרופּע — וועלכע ער האָט אויך באַשטעלט אין דער זעל־בער צייט — אַז מיר זאָלן פאָרן אַרבעטן אין כְּפַר־סָבָא.

5

דער אויפּזעצער פון בית־פּועלים אין כפר־סבא. — די אַרבעט. — אויף דעם בית־הקברות.

אָראָפּגייענדיק פון אויטאָבוס אין כפר־סבא, באַגעגענען מיר עטלעכע שפּאַצירנדיקע, פון אויסזען — אַרבעטער. מיר פרעגן זיי, ווו עס געפינט זיך דער לאָקאַל פון „הסתדרות". ווען זיי הערן וועגן וואָס מיר זענען געקומען, זאָגן זיי: „עס פעלט אַרבעטסלאָזע אין כפר־סבא? תל־אביב דאַרף ערשט אַזעלכע אַהערשיקן?"

דאָך פירן זיי אונדז אין לאָקאַל פון „הסתדרות", ווו מיר דאַרפן דורכמאַכן די פּראָצעדור פון אַרטיקן „הסתדרות".

דער סעקרעטאַר האָט אונדז פאַרשריבן און געהייסן קו־

מען פינף פאַרטאָג אין מאַרק אַריין. גלייכצייטיק האָט ער אונדז געגעבן אַ בריוו צום אויפזעער פון בית-עולים, אַז ער זאָל אונדז געבן אַן אָרט איבערצונעכטיקן.

קומענדיק אין בית-עולים הונגעריק און דורשטיק, בעטן מיר דעם אויפזעער אַ גלאָז, מיר זאָלן האָבן אין וואָס צו טרינקען וואַסער.

דער אויפזעער, אַ קליין יידעלע, וועלכער גיט צו ביי יעדן צווייטן וואָרט צען געפעפערטע קללות, גיט אונדז אַ גלאָז מיט עטלעכע קללות אַלס צולאָג.

ווען מיר האָבן גענומען טרינקען דאָס וואַסער, האָבן מיר געטראַכט, אַז מען קאָן עס נוצן אויף טיי (ווען ס׳זאָל זיין עסענץ), ווייל ס׳איז וואַרעם. ס׳איז אוממעגלעך געווען דאָס וואַסער צו טרינקען.

דער אויפזעער דערקלערט אונדז, אַז ווער עס וויל אין כפר-סבא טרינקען קאַלט וואַסער, דער מוז קויפן גאַזאָז.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן אָן וואַסער, ווייל קיינער פון אונדז האָט קיין געלט אויף צו קויפן גאַזאָז נישט געהאַט.

פינף אינדערפרי זענען מיר אין מאַרק. מיר האָבן געוואַרט ביז אַרום זעקס אַזייגער. דעמאָלט איז דער סעקרעטאַר געקומען צו רייטן אויף אַ ווייס אייזעלע (מיין חבר זאָגט מיר, אַז „משיח" קומט אָן). ער האָט אונדז געגעבן אַ וועג-ווייזער, וואָס האָט אונדז געדאַרפט פירן אין פרדס, אין וועלכן מיר האָבן געזאָלט אָנהייבן אַרבעטן.

איבער צוויי שעה צייט גייען מיר אין טיפע זאַמדן, און די זון באַקט ווי אַ באַק-אויוון. ענדלעך קומען מיר אָן אין פרדס.

דער מנהל פון פרדס בייזערט זיך, פאַרוואָס מיר האָבן פאַרשפּעטיקט. דערנאָך גיט ער יעדן פון אונדז אַ טוריע*) און הייסט אונדז גראָבן דעם באָדן אַרום די ביימער.

צוויי שעה שפּעטער קומט דער מנהל מיט אַ טענה, אַז

*) טוריע — אזא ארט שפאַדל.

מיר האָבן דורך דער צייט וויניק פּאַרטיק געמאַכט. ער הייסט אונדז פאַרלאָזן די אַרבעט.

מיר פאָדערן, אַז ער זאָל אונדז באַצאָלן פאַר דעם טאָג אַרבעט, ווייל מיר זענען ספּעציעל געקומען עטלעכע קילאָמע־טער צופוס. דער מנהל רופט דעם וועכטער און הייסט אונדז אַרויסוואַרפן.

צומאָרגנס האָט אונדז דער סעקרעטאַר געוואָלט שיקן אין אַ צווייטן פּרדס אַריין, נאָר מיט אַ באַדינג, אַז מיר זאָלן זיך קויפן טוריעס צו דער אַרבעט. ער גיט אונדז צו פאַרשטיין, אַז די אַרבעט איז כּיבוש־אַרבעט, און דעריבער מוזן מיר האָבן איי־גענע טוריעס.

נישט האָבנדיק קיין געלט צו קויפן די טוריעס, פאַר־לירן מיר די מעגלעכקייט צו באַקומען אַרבעט.

אַרומדרייענדיק זיך אין כּפר־סבא, באַקענען מיר זיך מיט אַ דאָרטיקן תּושב, וועלכער פירט אונדז באַזוכן די מושבה (דאָרף).

גייענדיק זענען מיר אָנגעקומען צום בית־הקבֿרות. „נו, זאָל זיין אַ בית־הקבֿרות — זאָגט אונדזער וועג־פירער — וועט איר זען אַ שטיקל פאַרגאַנגענהייט פון אַ ציוניסטישער מושבה".

ווען איך לייען איבער די אויפשריפטן אויף די מצבֿות, געפין איך עטלעכע פון יונגע מענטשן. איך פרעג אונדזער באַגליי־טער די סיבה פון די דאָזיקע קבֿרים.

— דאָס זענען, — זאָגט דער תּושב — טוריסטן.

— וואָס הייסט? — פרעג איך אים — יונגע טוריסטן קומען קיין כּפר־סבא שטאַרבן? זיי געפינען שוין נישט קיין בעסער אָרט?...

— אַנטשולדיקט, — זאָגט דער באַגלייטער — איך מיין נישט טוריסטן, נאָר טוריעאיסטן, ד. ה. די, וועלכע אַרבעטן מיט טוריעס, ווייל לאַנג לעבט נישט אַזאַ אַרבעטער. אויסער דעם, וואָס די אַרבעט איז אַ שווערע, יאָגט מען נאָך פון די

יידישע אַרבעטער אַרויס די נשמה, אַז זיי זאָלן מער פּאַרטיק מאַכן פון די אַראַבישע אַרבעטער, כדי עס זאָל זיך אויסגלייכן די דיפערענץ אין לוין, וואָס דער יידישער אַרבעטער נעמט אַ גרעסערן פון אַראַבישן.

6

דער „האָטעל״. – איך ווער אַ טרעגער. – ער איז דאָך אַ שוואַרצער. – דער אויטאָבוס איז נאָך ליידיק. – אויף פּיקעטן מיט ציוניסטישע אַרבעטער. – בורשטין גיט מיך איבער צו אַ הסתדרותישן געריכט. — אין „מרכז עולי פולניה״.

איך בין צוריק אין תל-אביב.

אַרומדרייענדיק זיך אַ גאַנצן טאָג אונטער אַ ברענענדיקער זון און נישט געפונענדיק קיין אָרט, ווו דעם קאָפּ אַניידערצולייגן, גיי איך אַריין אין אַן אויטאָ, וועלכער שטייט אין גאַס, און איך זעץ זיך דאָרט אַוועק שלאָפן. איך שטיי ערשט אויף, ווען דער אייגנטימער פון אויטאָ האָט מיך אָנגעהויבן וועקן: „אַרויס פון אויטאָ! דאָ איז נישט קיין האָטעל!״ נאָך דעם גיט ער צו: „מיר וועלן מאַכן אַ סוף מיט די אויטאָ-שלאָפערס״.

איך אַנטשולדיק זיך און דערקלער אים, אַז איך האָב נישט געהאַט ווו צו שלאָפן, און ער שרייט ווייטער. נישט ווילנדיק אים ענטפערן אויף זיינע געוואַלטן, גיי איך אַוועק.

געקומען אויף דער אַרבעטער-בערזע, בלייב איך שטיין צווישן פיל הונדערטער אַ-בעטסלאָזע און איך טראַכט, פון וואַנען מען נעמט אויף אַ ברויט.

אַרום 9 אַ זייגער קומט צו גיין עפּעס אַ באַנקיר און נעמט פיר מאַן, מיך צווישן זיי, איבערצופירן זיין מעבל אין אַ נייער דירה.

אַ גליקלעכער גיי איך מיט צוויי ווענט פון אַ בעט. ווען איך גיי אַריבער די דיזענגוף גאַס, פאָרט פלוצים אָן אַראַבי־שער ראָוועריסט אַריין אין די בעט־ווענט. ער פאַלט אַראָפּ פון ראָווער און צעקלאַפּט זיך.

עס דויערט נישט קיין מינוט און עס ווערט אַ צוזאַמענ־לויף, ווי אויף אַ לוויה. יעדער פרעגט מיך, ווו דער אַראַבער האָט מיך צעקלאַפּט.

עס זענען גלייך דאָ עדות, וואָס האָבן געזען, ווי דער אַראַבער איז ספּעציעל אין מיר אַריינגעפאָרן.

זעענדיק, אַז ביי פיל פון די אָנגעלאָפענע קיצלען די הענט, דער ראַכן־האַס צעשפּילט זיך ביי זיי, דערקלער איך, אַז מיר האָט גאָרנישט געשאַדט, דאַקעגן ער, דער אַראַבער, האָט זיך צעקלאַפּט ביים אַראָפּפאַלן פון ראָווער.

דער אָנגעלאָפענער עולם קוקט מיך אָן מיט ווונדער, און איינער זאָגט: „חבר, ער איז דאָך נישט קיין ייד, דאָס איז דאָך אַ שוואַרצער". דער צווייטער גיט צו: „צי וואָס לאָזן אַ זייעריקן פראַנק און פריי איבערפאָרן אַ ייד?"

הערנדיק פון אַ דריטן און פון אַ צענטן ענלעכע רייד און זעענדיק, אַז דער המון וויל כאָטש דעם אַראַבער גלייך לינטשן, ווענד איך זיך צום אַראַבער, ער זאָל שנעל אָפּפאָרן.

צוליב מיינע פאָר ווערטער צום אומשולדיקן אַראַבער, הייבן די אָנגעלאָפענע אָן זיך טשעפּען צו מיר: „אָ, זעט איר, — שרייט איינער — וואָס פאַר אַ יידן עס זענען דאָ? נאָך ערגער פון די שוואַרצע. ער האָט דאָך גערעדט צו אים אויף זייער שפּראַך". דער צווייטער גיט צו: „דאָס איז זיכער אַ שונאי־ציוניק און דאָס באַקומט נאָך אַרבעט ביי אַ יידן, סם וואָלט איך אים געגעבן, נישט געלט צו פאַרדינען". אויך אַן עלטערע פּרוי פרעגט מיך: „פאַרוואָס גייט איר נישט צו די שוואַרצע נאָך אַרבעט?"

דערזעען, אַז איך בין מיאוס אַריינגעפאַלן און זייענדיק לעבן דעם באַנקירס וווינונג, בין איך אַריין אין הויז, רעכע־

נענדיק, אַז ווען איך וועל נישט זיין, וועט דער המון אַוועק־גיין.

ווען כ׳בין צוריק אַראָפּגעקומען האָב איך דערזען, אַז דער עולם איז נישט אָפּגעטרעטן, און ווען זיי האָבן מיך דערזען, פרעגט מיך איינער: „פון וואַנען זענט איר געקומען?"

„וואָס אַרט אייך, — פרעג איך — פון וואַנען איך בין?" דעמאָלט זאָגט דער זעלביקער: „גלייבט מיר, אַז דער יאַט איז פון דייטשלאַנד און ער האָט שוין פאַרגעסן, ווי מען האָט אים דאָרט געשלאָגן אין ת..."

איך זע איין, אַז מיין רעדן וועט מיר קיין גוטס נישט ברענגען, באַשליס איך בעסער צו שווייגן, אָבער מיין שווייגן האָט אויך נישט געהאָלפן: „ער שווייגט נישט אומזיסט — רופט זיך איינער אָן — מן־הסתם אַן אומלעגאַלער". דאָס איז געווען אַ ווינק, אַז מ׳דאַרף רופן פּאָליציי, מיך צו אַרעסטירן אַלס אומלעגאַלן.

נישט וועלנדיק האָבן צו טון מיט פּאָליציי, וואַרף איך צו עטלעכע ווערטער: „איך לאָז זיך אויס פון אייך, איך בין לעגאַלער פון אייך". מורא האָבנדיק אָבער, אַז איך זאָל נישט קריגן געשלאָגן, האָב איך געמאַכט אַ ויברח...

ווען איך בין צוריק געקומען מיטן צווייטן בעט, איז שוין די כאַליאַסטרע נישט געווען.

נאָך דער אַרבעט דריי איך זיך אַרום און זוך אַ אָרט צו שלאָפן. נאָכן אָפּזוכן עטלעכע באַקאַנטע, וועלכע דערקלערן מיר, אַז אויך זיי דאַרפן אַן אָרט צום שלאָפן, גיי איך זוכן אַן אויטאָ, כדי צו האָבן וווּ דעם קאָפּ אַנידערצולייגן.

זוכנדיק אַ ליידיקן אויטאָ, טרעף איך אַ באַקאַנטן. איך פרעג אים, צי קען ער מיך מיטנעמען צום שלאָפן.

אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין פּנים און ער זאָגט: „פאַרוואָס נישט, קום, איך גיי איצטער שלאָפן".

אַדורכגייענדיק פאַר דעם ערשטן ליידיקן אויטאָבוס, זאָגט מיין באַקאַנטער צו מיר: „היינט ווין איך דאָ. דער אויטאָבוס איז נאָך ליידיק און ס׳וועט פאַר דיר אויך זיין פּלאַץ צו

שלאָפן. פאַרנעם — זאָגט ער ווייטער — גלייך אַ באַנק, איי־דער ס'וועט קומען אַ צווייטער בעלן".

דערזעען, אַז מיין באַקאַנטער פאַרנעמט גלייך אַ באַנק אין אויטאָבוס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מאַכט נישט קיין שפּאַס, און כ'האָב גלייך פאַרנומען אַ באַנק נעבן אים.

ליגנדיק לעבן מיין באַקאַנטן דערצייל איך אים, וואָס ס'האָט מיר פּאַסירט היינט פרי אין אויטאָ.

„דו ביסט נאָך אַ גרינער, — זאָגט מיין באַקאַנטער, — איך שלאָף שוין אין די אויטאָ־„האָטעלן" איבער צוויי חדשים, און אַז דו וועסט זיך צוגעוווינען, וועט דיר גאָרנישט זיין. דו דאַרפסט נאָר אַרויסגיין פון אויטאָ פאַר פינף אינדערפרי איידער דער אויטאָ־אייגנטימער קומט צו גיין. און אַז דער בעל־האויטאָ קומט אַ מאָל פריער און עפנט דאָס מויל, דאַרף מען נישט זיין קיין לעמעשקע און ענטפערן. זאָלן זיי זיך שעמען, ווייל מיר לעבן ווי די ציגיינער, וואָרום וועלכער אַר־בעטער קען זיך דערלויבן צו צאָלן פון 2 ביז 3 פונט אַ חודש פאַר אַ צימער?"

אויסהערנדיק זיין לעקציע ווער איך דערוויל אַנטשלאָפן. ווען איך כאַפּ זיך אויף, זע איך נאָך עטלעכע פערזאָן ליגן אויף די בענק און שלאָפן. איך ווייז מיין חבר די איינגע־קורטשעטע מענטשן. „וואָס — זאָגט ער — עס איז ביי דיר אַ נייעס? איך האָב איבער הונדערט באַקאַנטע בלויז פון אויטאָ־האָטעלן".

איך דריי זיך ווידער אַרום עטלעכע טעג אָן אַרבעט, שלאָף יעדע נאַכט אין אַן אַנדערן אויטאָבוס, און די פּיאַסטערס ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער. איך באַשליס נאָכאַמאָל זיך צו ווענדן צום חבר בורשטין.

איך דערצייל דעם סעקרעטאַר מיין לאַגע און בעט אים כאָטש איין טאָג אין וואָך אַרבעט.

אָנשטאָט אַרבעט הייסט מיך בורשטין גיין אויף פּיקעטן.

אַרויסגייענדיק מיט אַ מאַן צען אויף די פּיקעטן, הייב איך גלייך אָן מיט זיי צו שמועסן וועגן דעם אומזין אַראָפּצוואַרפן אַרבעטער פון אַרבעטס־פּלאַץ. נאָר, ליידער, האָב איך איצט נישט געטראָפן אַזעלכע אַרבעטער, ווי דאָס פאַריקע מאָל.

„וואָס — זאָגט איינער פון אונדזער מנין — מיר וועלן לאָזן אַראַבער אַרבעטן?״

איך פּרוביר צו רעדן וואָס אַוויגס עס איז פּיקעטן און וואָס דער „הסתדרות״ איז אויסן דערמיט, און אַז אין אונדזער אינטערעס דאַרפן מיר אַזעלכעס באַקעמפן.

אַ חלוץ, מיט צוויי רויטע רונדע באַקן, רופט זיך אָן: „חבר, אַ שאָד אַ וואָרט, עס מוז זיין הונדערט פּראָצענט עבודה עברית און רוף עס אָן ווי דו ווילסט״.

זעענדיק, אַז מיינע רייד זענען אומזיסט, פאַרלאָז איך די פּיקעטן־גרופּע.

אין אָוונט גיי איך ווידער צום חבר בורשטין וועגן אַר־בעט. ווי נאָר איך הייב אָן צו רעדן, זאָגט ער: „פּאַר העצער האָב איך נישט קיין אַרבעט! שוין לאַנג — גיט ער צו — האָב איך באַקומען אַ ידיעה וועגן דיר, און איצט האָב איך שוין דערויף אויך עדות. איידער עס וועט זיין וועגן דיר אַ „הסתדרות״־געריכט, דאַרפסטו בכלל נישט קומען וועגן אַרבעט״.

„מסכים, — זאָג איך — זאָל זיין אַ „הסתדרות״־געריכט, אָבער איך שטעל אַ באַדינג, אַז דאָס געריכט זאָל פאָרקומען ביי אָפענע טירן״.

„דאָס, — זאָגט בורשטין — וועלן מיר שוין דעצידירן, נישט דו״.

אַרומדרייענדיק זיך אַ הונגעריקער, האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווענדן אין „מרכז עולי פולניה״.

איך בין געקומען אין „מרכז״ האָב איך דאָרט געטראָפן זיצן אַ מיטל־וווּקסיקן ייד, וועלכער האָט געהאַלטן אין דער מיט עסן גרויסע ווייַנטרויבן.

איך ווענד זיך צו אים, אַז איך בין אַ פּוילישער און איך האָלט געבעטן אַ געוויסע הילף, צוגעבנדיק גלייך, אַז ווען איך וועל באַקומען אַרבעט, וועל איך די סומע, וואָס מ׳וועט מיר באָרגן, צוריקצאָלן.

דאָס מיטל־וווקסיקע יידעלע הערט מיך רויק אויס, וואַרפנ־דיק גלייכצייטיק איין ווייןטרויב נאָך דער אַנדערער אין מויל אַריין. דערנאָך פרעגט ער מיך מיין נאָמען, פון וואַנען איך בין געקומען און צי איך האָב משפחה אין פוילן.

בשעת איך ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן, נאָטירט ער די אַדרעסן פון מיינע קרובים און ער באַרויקט מיך, אַז ער וועט אין נאָמען פון „מרכזו״ זיי שרייבן און עס וועט שוין גוט זיין.

„יאָ, גוט, — זאָג איך — אָבער ביז צו דער קרעטשמע דאַרף מען דאָך אויך אַ טרינק בראָנפן״.

„מער, — ענטפערט דער מרכזניק — קאָן איך אייך איצט נישט העלפן, ווייל איר זענט נישט איין און איינציק״.

איך קוק אויף דעם גרויסן בייטל מיט ווייןטרויבן, וועלכער צערייצט דעם אַפּעטיט, און עס גיט מיר פּלוצעם אַ וווּרטשע אין מאָגן, פּונקט ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער וואָלט זיך דאָרט איינ־קוואַטירט. איך רוף זיך אָן צום פירער פון פּוילישן „מרכזו״: „איר האָט אויף ווייןטרויבן, זעט כאָטש, אַז איך זאָל האָבן אויף אַ ברויט! צו דעם איז דאָך דער „מרכזו״, אַז די פּוילישע ברידער זאָלן נישט אויסגיין פון הונגער״.

רויק און מיט איראָניע ענטפערט מיר דער מרכזניק, אַז עסנדיק די ווייןטרויבן, טוט ער דערמיט אַ מצווה, ווייל... ער מאַכט אַ ברכה...

דער איראָנישער ענטפער דריקט מיך איצט מער, ווי מיין הונגער, און איך זאָג אים: „אויב עס גייט־אייך אין מאַכן אַ ברכה, האָב איך פאַר אייך אַ ביליקער מיטל: וואַשט אייך די הענט און זאָגט „אשר יצר״...

מיין חוצפהדיקע עצה האָט דעם מרכזניק אויפגעבראַכט און ער איז זיך געגאַנגען מיט מיר פאַרמעסטן מיט כח.

נישט טראַכטנדיק לאַנג בין איך שנעל פון „מרכז” אַרויס, ווייל מיינע כוחות זענען געווען צו שוואַך זיך צו שלאָגן.

אַרומצודרייען אָן אַרבעט האָב איך זיך שוין געהאַט צוגע־וווינט, ווי עס האָבן זיך דערצו צוגעוווינט טויזנטער אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. אָבער עס איז מיר געווען שווער צו שלאָפן יעדע נאַכט אין אַן אויטאָ, און אַ סך מאָל, אַז איך בין געגאַנגען שלאָפן אין אויטאָ־„האָטעל”, האָב איך געטראָפן אַלע אויטאָבוסן פאַרנומען מיט אַרבעטער און סתם פּרנסהלאָזע, וועלכע זענען געקומען פאַר מיר.

ענדלעך טרעף איך מיין אַלטן באַקאַנטן ר. און איך דער־וויס זיך פון אים, אַז ער האָט אַ צימער נאָך אויף עטלעכע טעג, ווייל, מעגלעך — זאָגט ער — די צווייטע וואָך וועט ער שוין האָבן אַן עקסמיסיע; נאָר ביז דער עקסמיסיע, קאָן איך ביי אים שלאָפן.

איבערגליקלעך פון מיין פריינדס גוטהאַרציקייט, גיי איך באַלד און לייג זיך ביי אים אין צימער אויסרוען די ביינער.

איצט איז מיר שוין גוט... איך ליג אויסגעצויגן אויף אַ טאַפּטשאַן, ווי אַ מאַנאַרך, נאָר דער מאָגן איז ליידיק, און קיין פּיאַסטער ביי דער נשמה איז נישטאָ, און אויך חבר ר. פאַרמאָגט נישט קיין פּיאַסטער אויף אַ שטיקל ברויט צו קויפן.

איך זע איין, אַז די לעצטע כוחות גייען מיר אויס און איך באַשליס צו ווערן אַ „סוחר”. צומאָרגנס האָב איך זיך געשטעלט אין גאַס פאַרקויפן... מיין בעטגעוואַנט. סיי ווי סיי שלאָף איך נישט דערויף, זאָל כאָטש אַ פּיאַסטער דערפון זיין אויף ברויט.

עטלעכע טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט דעם בעט־געוואַנט, ביז איך האָב באַקומען אַ קונה אויף אַ שפּאָט ביליקן פּרייז און מיר האָבן אָנגעהויבן לעבן „עקאָנאָמיש”.

יעדן אינדערפרי האָבן מיר געקויפט אויפן מאַרק צוויי אַלטע ברויט, פון וועלכע מיר האָבן געמוזט אַרויסשניידן אַ גרויסן טייל שימל; נאָכן אויסשניידן דאָס פאַרשימלטע האָט אונדז אַלץ נאָך אויסגעמאַכט פיל ביליקער, ווי פריש ברויט, ווייל אַלט ברויט קאָן מען נישט קיין סך עסן.

נאָכן אָפּוווינען ביים חבר ר. ביז צו דער עקסמיסיע הייבט זיך ווייטער אָן די סדרה — אויטאָ־„האָטעלן”.

איין מאָל ביינאַכט, ליגנדיק אין אויטאָ, זאָגט מיר מיין „האָטעל"-שכן, אַז ער האָט געליינט אין דער פּרעסע, אַז אין דזשעדאַ וועלן געזוכט וועבערס.

ווען איך הער די ווערטער פון מיין שכן, קאָן איך שוין נישט שלאָפן און גאַנץ פרי גיי איך אין גאַס קויפן אַ צייטונג פון נעכטן, און באמת זע איך, אַז מיין שכן האָט געהאַט רעכט. איך נעם די צייטונג אין טאַש אַריין און גיי צום אויטאָבוס, פאַר די לעצטע פּיאַסטער קויף איך אַ בילעט קיין דזשעדאַ.

7

דזשעדאַ. – די ציוניסטישע אינדוסטריע. – הסתדרותי-שע „הילף". — די עצה פון שושנה קראַוויעץ. — מיר ווערן איבערגעוועקט אין מיטן דער נאַכט. — די געהיימע פאַרזאַמלונג. — אַ ריזן-שלאַנג. — די דירעקציע זעט איין, אַז מיר פאַרדינען צו ווייניק.— אַ שטרייק. – אין קיבוץ „יאַזור". — אַראַנק דעם שומרישן קיבוץ אין חרטיה געלינגט צו ברעכן דעם שטרייק. — דער באַנקראָט. אין „הסתדרות" אין חיפה ביים חבר שפּיראָ.

ווי נאָר איך קום אין דזשעדאַ, ווענד איך זיך אין פאַבריק צו דעם דירעקטאָר פאָגעל, צי איך קאָן באַקומען אַרבעט אַלס וועבער. דער דירעקטאָר פּרובירט אויס מיינע קוואַליפיקאַציעס און הייסט מיך גלייך בלייבן אַרבעטן.

אַרויסגייענדיק פון פאַבריק נאָך דער אַרבעט, דערוויס איך זיך פון אַרבעטער, אַז איך קאָן באַקומען עסן אין רעס-טאָראַן און דאַרף נישט גלייך באַצאָלן. „דער רעסטאָראַטאָר – דערקלערט מיר אַן אַרבעטער - איז אַ פאַמיליאַנט פון איינעם פון די דירעקטאָרן און ביים אויסצאָלן באַקומט ער דאָס ערשטע געלט פאַרן עסן".

איך בין צופרידן, אַז איך באַקום צו עסן אויף קרעדיט. זאָל זיין דאָס ערשטע געלט, צאָלן מוז מען דאָך סיי-ווי-סיי. נאָכן עסן קוואַטיר איך זיך איין ביי איינעם פון די פאַבריקס-אַרבעטער. פאַר דעם ערשטן שלאָף גיי איך מיט עטלעכע אַר-

בעטער אָנקוקן דזשעדאַ. דאָס אָרט, וועלכעס האָט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו מיין ציגיינעריש לעבן. עטלעכע פון די אַרבעטער מאַכן זייער אַ גוטן איינדרוק. זיי גיבן מיר איבער איינצלהייטן פון דזשעדאַ און פון דער דאָרטיקער טעקסטיל-פאַבריק.

דזשעדאַ ליגט אויף דער שוועל פון דעם אַזוי פיל ראָמאַנטיש באַזונגענעם „עמק”.

די ציוניסטן האָבן געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען אויף דעם טעקסטיל-פונקט, ווייל דזשעדאַ ליגט נישט ווייט פון חיפהער פאָרט. אָבער בלויז אויף דעם חיפהער פאָרט קאָן מען דאָך נישט שאַפן קיין אינדוסטריע-פלאַץ. מען האָט אַוועקגעזעצט אַ שטענדיקע פאָליציי-וואַך אין די ספּעציעל געמויערטע צימערן נעבן דער פאַבריק. די וואַך דאַרף זיין אַן אָפּשרעקונגס-מיטל פאַר די אַרבעטער, זיי זאָלן נישט פאָדערן דאָס, וואָס זיי קומט. און מעגלעך, אַז די פאָליציי וועט זיין צו שוואַך צו די אַרבעטער, האָבן די דירעקטאָרן גענומען צו הילף דעם „הסתדרות” אין חיפה.

אָנגעהויבן האָט דער צענטר פון דער ציוניסטישער אינדוסטריע אויסצואַרבעטן טיכער צו וואַשן פאָדלאָגעס. די אויסרעכענונג איז געווען אַ גוטע: אַזוי ווי אין און אַרום פאַלעסטינע ווערן די פאָדלאָגעס געמאַכט פון צעמענטענע פּאָסאַדזקעס, און דאָס מוז מען צוליב די היצן אַלע טאָג וואַשן, וועלן די פאַלעסטינער טיכער ווערן אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך. די דירעקציע האָט אויך געקויפט אַן אַעראָפּלאַן אויף דער קאָנטע פון דעם גאָלדענעם געשעפט, וואָס זי האָט איינגעפּעדעמט.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ קורצע צייט, זענען די פאַבריקס-לאַגערן געווען פול געפּאַקט מיט טיכער, און עס איז נישט מעגלעך געווען זיי צו פאַרקויפן.

די סיבה איז געווען יאַפּאַן. יאַפּאַן האָט געשיקט טיכער פאַר אַ שפּאָט נידעריקן פרייז אַזוי, אַז אונדזערע „גרויס”-אינדוסטריעלער וואָלטן נישט געקענט זייערע טיכער פאַרקויפן אַפילו ווען זיי זאָלן נישט רעכענען דעם אַרבעטס-לוין. נאָך אַ קורצער צייט האָבן די צוקונפטיקע בויער פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע געמוזט בלייבן באַנקראָט, און אַ גליק, וואָס

זיי האָבן געהאַט דעם עראָפּלאַן און געקאָנט מאַכן גלייך ויברח פון די פּאַלעסטינער גרענעצן.

איצט האָט איבערגענומען די פאַבריק אַ פרישע געזעל־שאַפט און זעענדיק, אַז דער פּאָרט אין חיפה קאָן נישט אַנט־וויקלען די צוקונפטיקע ציוניסטישע אינדוסטריע, האָט מען גע־נומען אויסאַרבעטן ספּעציעלע יידישע אַרטיקלען.

דאָס ערשטע אַרטיקל, וועלכעס דער צענטר פון דער נאַ־ציאָנאַלער אינדוסטריע האָט איצט אויסגעאַרבעט, איז געווען קהאַקי, אַ סחורה, וועלכע ווערט פיל געטראָגן פון די חלוצים אין פּאַלעסטינע. דאָס צווייטע אַרטיקל איז געווען... תכריכים, אויך אַ ספּעציעל יידיש אַרטיקל...

צו הילף האָט די דירעקציע איצט אויך גענומען דעם „למען תוצרת הארץ" *) און געהאָפט, אַז איצט וועט זיך די טעקסטיל־פאַבריק אין דזשעדאַ גוט אַנטוויקלען.

אָבער עס זענען גלייך געקומען שטערונגען. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די געזעלשאַפט „למען תוצרת הארץ" האָט כסדר רעקלאַמירט און געצוואונגען צו קויפן נאָר די דזשע־דער סחורות, האָבן דאָך די ברייטע יידישע מאַסן געקויפט אויסלענדישן קהאַקי, וועלכער האָט געקאָסט פיל ביליקער און איז אויך געווען פון אַ בעסערן קוואַליטעט.

בלויז אויף דעם צווייטן אַרטיקל — תכריכים — איז נישט געווען קיין אויסלענדישע קאָנקורענץ. איז אָבער געווען די צרה אַ גרעסערע — דער מענטשן־מאַטעריאַל אין פּאַלעסטינע איז אין אַ גאָר גרויסן פּראָצענט יונגוואַרג און זיי האַלטן נישט ביי תכריכים...

נאָכן אָפּאַרבעטן עטלעכע טעג אין פאַבריק איז געקומען צו פאָרן אַ תל־אביבער ס ט אָ ל י ע ר אַלס שליח פון „הסתדרות" און ער האָט גערופן די אַרבעטער אויף אַ באַראַטונג.

ער גיט איבער, אַז ער איז ספּעציעל געקומען אונדז מעלדן, אַז מיר דאַרפן אַרבעטן אַקאָרד אַנשטאָט וואָס מיר נעמען ביז איצט טאָג־לוין.

---

*) למען תוצרת הארץ — איינענע, ציוניסטישע פּראָדוקציע.

מיר זאָגן אים, אַז ער זאָל גיין אין זיין בראַנזשע מיט אַזעלכע פּראָפּאָזיציעס, און דעם „הסתדרות" הייסן מיר איבער־געבן, אַז די פּראָפּאָזיציע פּאַסט פאַר אַ פאַבריקאַנטן־פאַריין און נישט פאַר אונדזערע אַרבעטס־פאַרזאָרגער.

באַלד צומאָרגנס נאָכן סטאַליערס אַפּפאָרן קומט צו פאָרן שושנה קראַוויעץ אַלס פאַרשטייערין פון דער „מועצה של הסתדרות" אין חיפה.

נאָכן אָנהאָרפן די אַרבעטער אַ דעלעגאַט, הייבט די הסתדרותישע פאַרשטייערין אָן צו האַלטן אַ לעקציע... ציוניזם. זי זאָגט, אַז מיר דאַרפן געדענקען, דאָס מיר זענען פּיאָנערן, און אונדזער אויפגאַבע איז מיטווירקן, אַז ס'זאָל זיך קענען אין ארץ־ישראל אַנטוויקלען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. מיר דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר די פרישע חלוצים, וועלכע וועלן צוקומען, ווען די פאַבריק וועט זיך אַנטוויקלען. די איינציקע עצה, וואָס זי זעט פאַר, אַז די פאַבריק זאָל זיך אַנטוויקלען איז, אַז מיר זאָלן אַרבעטן אַקאָרד און נישט אויף טאָג־לוין.

אַלע אַרבעטער זאָגן זיך אַרויס קעגן אַקאָרד־אַרבעט, ווייל עס טרעפט זייער אָפט, אַז עס ווערן צעבראָכן מאַשין־טיילן, און עס איז נישטאָ אויפן אָרט קיין שלאָסערײ. ביז מען פירט די טיילן אין חיפה צו פאַרריכטן דויערט אַ צייט לאַנג, און דער עיקר, עס פעלט אויס גאָרן צו דער אַרבעט. אין דעם אַלעם איז שולדיק די דירעקציע, און נישט מיר. אַז מיר וועלן ביי די באַדינגונגען אַרבעטן אַקאָרד, וועלן מיר נישט פאַרדינען אַפילו צו באַצאָלן פאַרן בלויזן עסן, וועלכעס קאָסט דאָ אַ סך טייערער, ווי אין שטאָט.

דער איינציקער פון די אַרבעטער, וועלכער האָט יאָ מסכים געווען צו אַרבעטן אַקאָרד, איז געווען דער מפא"יניק זעליק, פון וועלכן מיר האָבן געהאַט כסדר צרות.

צוויי טעג נאָכן באַזוך פון שושנה קראַוויעץ קומט צו־פאָרן דירעקטאָר ראָזנבלאַט (אַ ברודער פון באַוווסטן ראָזנבלאַט, וועלכער איז געווען געמשפּט אין אַרלאָזאָראָוו־מאָרד) פון חיפה און ער הענגט אויף אין פאַבריק אַ מעלדונג פון חיפהער „הסתדרות", אַז די אַרבעט פון הייַנטיקע וואָך אָן וועט זיין אויף אַקאָרד.

איבערלייענענדיק דעם בריוו פון „הסתדרות, טעלעפאָנירן מיר גלייך צו דער מועצה אין חיפה, און מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס זי האָט בנוגע אונדז נישט ריכטיק געהאַנדלט.

דער פאָרשטייער פון דער מועצה, חבר שאַפּירא, ענטפערט, אַז ס׳וועט נישט העלפן אונדזער פּראָטעסט, ווייל עס איז שוין אַ פעסטער באַשלוס, וועלכן ס׳איז אוממעגלעך צו אַנולירן.

נאָכן אָפּאַרבעטן צוויי וואָכן האָבן מיר איינגעזען, אַז מיר פאַרדינען נאָר 16–18 פּיאַסטער אַ טאָג אָנשטאָט 32 ביז איצט.

מיר האָבן זיך געקלאָגט פאַר דער דירעקציע, אַז ביי אַקאָרד־אַרבעט פאַרדינען מיר אַ העלפט וואָס פריער און אַז דער פאַרדינסט קלעקט אַפילו נישט צו באַצאָלן פאַרן קאָרגן עסן. אָבער דער דירעקטאָר פאָגעל האָט אונדז געגעבן אַן עצה, אַז מיר זאָלן קאָנען מער פאַרדינען: „וועגן אָפּשאַפן דעם אַקאָרד – זאָגט ער – איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אייער „הסתדרות״ האָט אויך דערצו מסכים געווען. ווען איר ווילט מער פאַרדינען, קאָנט איר אַרבעטן מער שעהן. איר קאָנט – גיט דירעקטאָר פאָגעל צו – אַפילו אַרבעטן זעכצן שעה אַ טאָג. מיר – די דירעקציע – וועלן אייך נישט שטערן.

נישט האָבנדיק קיין ברירה האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַרבעטן פערצן שעה אַ טאָג, כדי מיר זאָלן האָבן צו באַצאָלן פאַרן עסן מיטן גאַזאָז.

איין מאָל, ווען מיר האַלטן אין מיטן בעסטן שלאָף נאָך פערצן שעה אַרבעט, ווערן מיר פּלוצים איבערגעוועקט דורך קולות פון רייטער, וועלכע קומען אָן אויף פערד.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט צו זען, וואָס ס׳האָט פּאַסירט, דערוויסן מיר זיך פאָלגנדיקס:

די ציוניסטישע שומרים, וועלכע היטן די שוועל פון עמק, האָבן נישט געקאָנט צוקוקן, וואָס ס׳געפינט זיך נאָך ביי דער עמק־שוועל דאָס אַראַבישע דאָרף קוסקוסטאַבון, און אינמיטן דער נאַכט זענען זיי דאָרט אַריין מיט אַ טראַקטאָר און אָנגעהויבן באַאַרבעטן די אַראַבישע פעלדער, אַזוי אַרום אויפצוּווייזן (לויט אַן אַלט טערקיש געזעץ), אַז די פעלדער אין קוס־

קוסטאַבון געהערן נישט צו די אָרטיקע פּעלאַכן (פּויערים).
אַז די קוסקוסטאַבונער פּעלאַכן האָבן דערהערט אינמיטן דער נאַכט דאָס גערויש פון טראַקטאָר אויף זייערע פעלדער, זענען זיי אַרויס און געזעהן די ציוניסטן אָפּשטעלן די אַרבעט.
דערויף האָבן די שומרים געענטפערט מיט אַ האָגל קוילן פון זייערע ביקסן, און באַלד איז איין אַראַבער געפאַלן טויט.
די שומרים האָבן זיך אַביסל דערשראָקן און זיי זענען געקומען אין דזשעדאַ זיך באַהאַלטן.
דערווייל האָט זיך די יגורע פּאָליציי דערוווּסט פון קוס־קוסטאַבונער פאַרפאַל און איז געקומען אין דזשעדאַ אַרעס־טירן די שומרים.

צו מאָרגנס נאָך דער אַרבעט איז אָנגעקומען דירעקטאָר ראָזענבלאַט און גערופן אַלע אַרבעטער אויף אַ פאַרזאַמלונג.
דירעקטאָר ראָזענבלאַט עפנט די פאַרזאַמלונג און דער־קלערט, אַז די איצטיקע באַראַטונג איז אַ דרינגענדע און זי מוז בלייבן געהיים...
דערנאָך הייבט ער אָן רעדן ווערטער, אַז יעדעס ציוניס־טישע האַרץ זאָל פילן און וויינען: „אַן אומגליק האָט פּאַריקע נאַכט געטראָפן. מען האָט אַרעסטירט די בעסטע זין פון אונ־דזער פאָלק. פאַר אונדז איז דאָס אומגליק טאָפּלט, ווי פאַרן גאַנצן ישוב, ווייל מיר זענען מיט די מענטשן געווען אַ צייט צוזאַמען, און זיי האָבן אונדז אונטער זייערע פליגלען באַשיצט. איצט זענען מיר פאַרבליבן פאַריתומט״ א. אַז. וו.
ער האַלט די דרשה מיט דעם ספּעציעלן איכה־ניגון, דערנאָך ענדערט ער דעם טאָן און גייט איבער צום עיקר:
„אמת, זיי האָבן געהרגעט אַן אַראַבער, אָבער מיר קע־נען די שומרים און מיר קענען זיין עדות, אַז זיי זענען הויפּט־אָרנטלעכע מענטשן, זיי האָבן נישט געשאָסן צוליב עפּעס אַ רויב־ציוועק. מיר אַלע זענען געקומען אין לאַנד אַריין עפּעס צו שאַפן, יעדער מיט וואָס ער איז פעיק״.
נאָכדעם רעדט דער דירעקטאָר וועגן דער שטימונג אַרום קוסקוסטאַבון. „עס איז דאָ — זאָגט ער — אַ מורא, אַז

די אראבער פון קוסקוסטאבון וועלן איצט וועלן אין אונדז נקמה נעמען, ווייל מיר זיצן נישט ווייט פון קוסקוס-טאבון, און די שומרים האבן אויך דא געוווינט. מיר דארפן זיך מער היטן, דעריבער איז אמבעסטן, אז מיר זאלן שאפן נאכט-משמרות צו היטן דאס האב און גוטס. וועלכעס האט געקאסט פיל מי און מאטערניש, אין קעגנפאל איז אונדזער פאבריק אין סכנה".

אזוי האט דער דירעקטאר אפגעדרשנט איבער א שעה צייט. נאך זיין דרשה, וועלכע איז געהאלטן געווארן ספעציעל אין יידיש, כדי אלע ארבעטער זאלן פארשטיין, וואס ער וויל, בעמט א ווארט די לערערין יפה, וועלכע איז צו דער פאר-זאמלונג ספעציעל געקומען.

אין א קורצער לשון-קודשדיקער דרשה זאגט זי כמעט דאס זעלבע, וואס דירעקטאר ראזענבלאט.

אויף א יונג חלוצל, וועלכער איז ערשט נישט לאנג גע-קומען פון פוילן, ווו ער האט אדורכגעמאכט א דריי-יעריקע הכשרה, זאגט, דאס ער פארשטייט, אז מיר זענען געקומען נאך ארץ-ישראל נישט בלויז ביי טאג צו ארבעטן, נאר אויך ביי נאכט צו היטן, וואס מיר שאפן ביי טאג.

דערנאך נעמט דער דירעקטאר נאכאמאל דאס ווארט. ער רעדט ארום, ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן אין פאל, ווען מען וועט באמערקן ביי נאכט, אז מען וויל באפאלן אונדזער פונקט. ער באררויקט אונדז אויך, אז מיר דארפן זיך גארנישט שרעקן, ווייל ער וועט אונדז גלייך באזארגן מיט געווער.

עס האלט שוין ביים איינטיילן די משמרות. פלוצים הייבט זיך אויף א האנט פון אן ארבעטער. ער מעלדעט, אז ער וויל אויך זאגן עטלעכע ווערטער.

ער הייבט אן צו רעדן זייער געלאסן. ער ווענדעט זיך צו די ארבעטער און דאן ענטפערט ער דעם דירעקטאר.

„וואס וויל מען פון אונדז ארבעטער? — הייבט ער אן — פון די לאנגע דרשהס קען עמעצער האבן דעם איינדרוק, אז מיר זענען מסכים מיט דעם דירעקטארס אויספירונגען. ניין, חברים, מיר האבן נישט געהייסן מארדן און מיר זענען דער-

פאַר נישט פאַראַנטוואָרטלעך. זאָלן זאָגאַר די מערדער זיין ציוניסטישע מערדער. און מיט אייך – ווענדעט ער זיך צו דעם דירעקטאָר – ווילן מיר נישט האָבן קיין געמיינזאַמעס און מיר וועלן נישט גיין ביי נאַכט היטן „אונדזער האָב און גוטס״. ווער עס האָט דאָ האָב און גוטס זאָל זיך דאָס היטן. מיר אַרבעטער האָבן דאָ אפילו נישט צו עסן צו דער זעט, און איר, באַזאָרגט אונדז נישט מיט געווער! איר זאָרגט זיך אויך גאַנץ ווייניק אונדז צו באַצאָלן פאַר דער אַרבעט דאָס, וואָס מיר האָבן ביז מיט עטלעכע וואָכן צוריק פאַרדינט. יעצט האַלט מען שיינע דרשות וועגן שותפותדיקע אינטערעסן און ביי דער אַרבעט עקספּלואַטירט מען אונדז ביז גאָר״.

נאָך די ווערטער פון דעם אַרבעטער ווערט אַ צערודע־רונג. מע האָט שוין געהאַלטן ביים איינטיילן די נאַכט־משמרות און צעטיילן געווער, און דאָ נאָדיר אַזאַ מין אַנשיקעניש.

גלייך פאַרלאָזן אַ טייל אַרבעטער די פאַרזאַמלונג, און ביסלעכווייז זעט מען די רעשט אַרבעטער איינציקווייז אַרויס־שאַרן זיך פון געהיימען באַראַטונגס-צימער.

ס'זענען פאַרביי עטלעכע טעג נאָך דעם קוסקוסטאַבונער מאָרד. מיר זענען אַריין אין צימער נאָך דער אַרבעט, האָבן מיר דערהערט שרעקלעכע געוואַלטן. מיר לויפן צו דעם אָרט פון וואַנען די גע־שרייען קומען; מיר קומען צו צו דער „וווינונג״ פון דער אַר־בעטערין חיה, וועלכע מיר טרעפן שטיין ביי דער טיר פון איר „צימער״, און זי שרייט שרעקלעך.

מיר באַרויִקן די אַרבעטערין און דאַן דערוויסן מיר זיך די סיבה פון אירע געוואַלטן. זי גיט אונדז איבער, אַז ווען זי איז אַריין אין צימער, איז צו איר צו אַ שלאַנג, וועלכער איז געווען גרעסער פון איר, און דער שלאַנג האָט איר געוואָלט בייסן.

מיר גייען אַלע אַריין אין „צימער״ פון די אַרבעטערין חיה. יעדער נעמט אַ שטיק האָלץ אָדער אַן אייזן אין האַנט. מען צינדט אָן דאָס נאַפטלעמפּל און מען הויבט אָן צו זוכן, צי עס איז פאַקטיש דאָ אין צימער אַ שלאַנג. אָבער מיר האָבן גאָרנישט געפונען. פלוצים גיט איינער אַ רוק אַוועק דעם קויש־

וועלכע איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, און מיר אַלע וועלן אויפֿ-געציטערט.

יעדער מיט זיין כּלי אין דער האַנט האָט אָנגעהויבן דעם שלאַנג צו קלאַפּן ביז מיר האָבן אים דערהרגעט.

מיר האָבן אים אָפּגעמאָסטן טויטערהייט: ער האָט געהאַט אַ מעטער מיט צוואַנציק די לענג.

מיר זענען געוווינט געווען אין דזשעדאַ ווי אין פּאַלעסטינע בכלל געביסן צו ווערן פון פאַרשידענע עקרבים, אָבער אַזאַ ריזן-שלאַנג איז געווען אַ זעלטנהייט צו טרעפן.

אַרויסגייענדיק פון דער אַרבעטערינס צימער זאָגט צו מיר אַן אַרבעטער: „ווען איך האָב געהערט די געוואַלדן האָב איך גערעכנט אַז, די קוסקוסטאַבונער אַראַבער זענען אונדז באַפאַלן, נאָך גוט — זאָגט ער — וואָס איך בין אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק".

נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעטן צו פערצן שעה אַ טאָג אַקאָרד ווערן מיר פּלוצים „געהאַלפן"...

דירעקטאָר פאָגעל איז געקומען צו פאָרן און ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז די דירעקציע האָט איינגעזען, דאָס מיר פאַרדינען צו ווייניק און פון היינט אָן, וועלן מיר צוריק באַקומען דעם אַלטן פּרייז — 32 פּיאַסטער טאָג-לוין.

מיר וווּנדערן זיך, ווייל עס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז אַ דירעקציע זאָל פון זיך אַליין דערלייגן אירע אַרבעטער אויפֿן לוין. די עטלעכע חלוצים, וועלכע אַרבעטן מיט אונדז, ווייזן אָבער דער-מיט אויף, אַז אַ יידישע קישקע איז נישט אָפּצושאַצן; איין ייד דעם צווייטן וועט נישט צופיל אויסנוצן.

ערשט אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן מיר געזען און געפילט פאַרוואָס די דירעקציע איז „אַריין אין אונדזער לאַגע".

גלייך עטלעכע טעג נאָכן דירעקטאָרס מעלדונג, אַז מיר באַקומען צוריק דעם אַלטן לוין, לייענען מיר אַ מעלדונג פון דער דירעקציע, אַז די אויסצאָלונג וועט צוליב פאַרשידענע סיבות נישט פאָרקומען אין טערמין, נאָר מיט אַכט טעג שפּעטער. און אַז עס איז אַדורך די אַכט טעג האָט מען אונדז נאָכאַמאָל גע-

מאַלדן, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועלן מיר באַקומען געלט. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט אַ חודש צייט און קיין געלט פאַר דער אַרבעט האָבן מיר נישט געזען.

דריי אַרבעטער זענען געפאָרן אין חיפהער „הסתדרות״ און אַדורכגערעדט מיט חבר שאַפּיראָ וועגן דער נישט פּינקטלעכער אויסצאָלונג און אים איבערגעגעבן, אַז מיר ווילן אַרויס מיט אַ שטרייק, כדי מיר זאָלן אַזוי אַרום צווינגען די דירעקציע אויסצוצאָלן.

חבר שאַפּיראָ האָט אין נאָמען פון „הסתדרות״ נישט מסכים געווען, אַז מיר זאָלן שטרייקן. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין נאָמען פון „הסתדרות״ אינטערווענירן ביי דער דירעקציע און ער איז זיכער, אַז העכסטנס אין דריי טעג אַרום וועט די אויסצאָלונג פאָרקומען.

מיר האָבן אָפּגעאַרבעט די דריי טעג, און די אויסצאָלונג איז ווייטער נישט פאָרגעקומען.

מיר זענען געפאָרן קיין חיפה צום חבר שאַפּיראָ. נאָכן אַרומזוכן עטלעכע שעה דעם „אַרבעטער-פירער״ האָבן מיר אים געפונען אין אַ רעסטאָראַן זיצן צוזאַמען מיט דעם דירעקטאָר ראָזנבלאַט ביי אַ טיש, אָנגעשטעלט מיט ווין און קיכלען.

מיר האָבן דעם חבר שאַפּיראָ אַרויסגערופן פון רעסטאָראַן און אים איבערגעגעבן, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו שטרייקן, ווייל עס זענען שוין אַדורך די דריי טעג, און מיר האָבן קיין געלט נישט באַקומען.

אויף אינדזערע ווערטער האָט חבר שאַפּיראָ קורץ און שאַרף געענטפערט: „אויב איר וועט שטרייקן, וועל איך שיקן אַ צווייטע קבוצה, וועלכע וועט אַרבעטן אויף אייער אָרט״.

מיר זענען גלייך צוריקגעפאָרן קיין דזשעדאַ און גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע פאַבריקס-אַרבעטער און זיי איבערגעגעבן דעם באַריכט וועגן אונדזער קאָנפערענץ מיט חבר שאַפּיראָ, וועלכער איז געווען אין אַ האַלב-שיכּורן צושטאַנד.

די אַרבעטער, אויסהערנדיק חבר שאַפּיראָס ענטפער, האָבן זיך אַלע אַרויסגעזאָגט פאַר אַ שטרייק און צו אָקופּירן די פאַבריק, כדי עס זאָלן נישט קענען אַרבעטן די קבוצה-שטרייק-ברעכער, וועלכע די הסתדרות וועט שיקן.

דער שטרייק איז געוואָרן באַשטימט אויפן נאָענטסטן זונטיק, ביי דער אָפּשטימונג האָבן אַלע, אויסער דעם מפא״יניק זעליק געשטימט פאַרן שטרייק...

אין אָוונט נאָך דער פאַרזאַמלונג האָב איך געמאַכט אַ באַזוך אין שכנותדיקן קיבוץ יגור (יאַזשור), וועלכער איז געווען באַרימט צוליב דעם, וואָס דער קיבוץ האָט זיך געלאָזן שרייבן אַ ספר־תורה.

די פייערלעכקייט, וועלכע די „ציוניסטישע קאָלעקטיוויסטן״ האָבן איינגעאָרדנט ביים שרייבן די לעצטע ווערטער פון דער ספר־תורה איז געווען אַזאַ אויסערגעוויינלעכע, אַז אַלע חלוצות מיט די חלוצים פון דעם „סאָציאַליסטישן״ קיבוץ האָבן זיך אַרומגענומען אין אַ טאַנץ און געזונגען „ונזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות״.

נאָך צען אָוונט, ווען אַלע קיבוצניקעס זענען שוין געשלאָפן, זענען מיר, אַ מאַן צען אַריין אין אַ באַזונדערן צריף, פאַרברענגען צוזאַמען.

איך האָב אַרויפגעפירט דעם געשפּרעך וועגן דער נישט לאַנג געשריבענער ספר־תורה אין קיבוץ, וועלכע זיי האָבן אַזוי פייערלעך איינגעאָרדנט.

עטלעכע פון די פאַרזאַמלטע גיבן מיר איבער, אַז אין „יענעם״ אָוונט זענען זיי נישט געווען אין יגור, ווייל עס איז געווען אַ שעת־הכושר אַרויסצוגנאַרן זיך פון קיבוץ אויף אַ גאַנצע נאַכט אומגעשטערט. בעסער געזאָגט — פאַרריכט איינער — אומבאַמערקט.

אַ רומענישער חלוץ זאָגט, אַז „דער חינוך איז געפּראַוועט געוואָרן אויף אַ ווונק פון אויבן... דערמיט צו ווייזן דעם „מזרחי״, אַז זיי זענען נישט די איינציקע פּאַטענטירטע יידן: „אָט, נאָט אייך, אויך מיר לינקע שרייבן אַ ספר־תורה״.

אין ווייטערדיקן טייל פון אונדזער געשפּרעך זענען מיר געקומען צו דער טעמע וועגן דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער קאָלעקטיוויזאַציע.

איינער פון די פאַרזאַמלטע זאָגט, אַז זיי זענען הונדערט

פּראַצענטיק אויסגעהאַלטענע סאָציאַליסטן, ווייל... זיי לעבן זיך אויס אין דער ווירקלעכקייט קאָלעקטיוו. „יאָ, איך בין נישט מסכים — זאָגט ער — מיט די פּ. צ.קעס. אָבער אין הלכות קאָלעקטיוויזאַציע זענען מיר סאָציאַליסטן"...

איך פרעג מיט וואָס זיי וועלן קאָנען העלפן, למשל, ווען אין דזשעדאַ וועט אויסברעכן אַ שטרייק פון עטלעכע צענטליק אַרבעטער? צי וועלן זיי, אַלס הונדערט פּראָצענטיק אויסגעהאַלטענע סאָציאַליסטן קאָנען קומען צו הילף די שטרייקנדיקע אין דזשעדאַ? און אַלס סאָציאַליסטן וואָלטן זיי באמת געדאַרפט אין אַזאַ פאַל קומען צו הילף די דזשעדער אַרבעטער.

„ניין, — זאָגט ער — אין דעם פאַל וועלן מיר, דער קיבוץ אַלס גאַנצער, אייך גאַרנישט קענען העלפן, ווייל איר (די דזשעדער אַרבעטער), געהערט נישט צו אונדזער קיבוץ. איך פּערזענלעך — זאָגט ער ווייטער — וואָלט אייך יאָ געוואָלט העלפן אין דעם פאַל, נאָר ליידער פאַרמאָג איך נישט מער, ווי די קורצע הייזלעך מיט די חולצה וואָס איך טראָג אויף זיך".

איך זע, אַז די געלע סימפּאַטישע חלוצקע פון רומעניע וויל עפּעס זאָגן. אייגנטלעך, רעדט זי שוין, נאָר בלויז מיט די אויגן.

איך פרעג זי, וואָס אַזוינס עס דריקט זי. „רעד — זאָג איך — עס איז אינטערעסאַנט צו הערן דיין מיינונג".

די געלע חלוצקע הייבט אָן: „חברים, איך וועל אייך דערציילן מיינעם אַ באַזוך אין טשעכיע אין דער שטאָט מונקאַטש".

„וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס צו אונדזער איצטיקן געשפּרעך?" — פרעגט איינער פון די חלוצים.

„עס האָט — זאָגט די געלע — טאַקע אַ שייכות און עס האָט זיך מיר יעצט דערמאָנט דער באַזוך אין מונקאַטש. דאָס איז געווען אין שמחת־תורה, ווען איך בין געווען ביי מיין רייכן פעטער צוגאַסט. צו מיין פעטער זענען געקומען אַ פּאָר צענטליק חסידים און האָבן געגעסן, געטרונקען און געטאַנצט. איך — זאָגט זי ווייטער — האָב זיך דעמאָלט צוגעקוקט צו די חסידים, וועלכע זענען געזעסן אַרום דעם לאַנגן טיש. עס איז נישט געווען קיין אונטערשייד, אָרעם, רייך — אַלע גלייך, עס האָט אויסגעזען ווי אַ קאָלעקטיוו. אַלע האָבן גלייך געגעסן, און אויך די יום־טובדיקע

קליידער זענען כמעט ביי אַלע געווען גלייך. אָבער פאַרשטייט — זאָגט זי — אַז דאָרט איז נאָר געווען אַ סעקטע, וועלכע איז גע־קומען פּראַווען יום־טוב. אין אָוונט זענען זיך אַלע חסידים צעגאַנגען, איינער — אַהיים, דער צווייטער — אין קלייט אַריין עפּעס לייזן, אַ דריטער איז מן־הסתם געגאַנגען צו אַ רייכן יידן אָנשלאָגן אַ שידוך, און דאָך איז דאָרט געווען אַ קאָלעקטיוו אויף עטלעכע שעה... אָבער מיר קאָנען נישט זאָגן, אַז מיר ווילן דאָס אָנרופן סאָציאַליזם, און דאָס זעלבע, מיין איך, איז מיטן קיבוץ. מיר לעבן קאָלעקטיוו, אָבער מיר לעבן נישט סאָציאַליסטיש, מאַרקסיסטיש".

„אָ! די געלע האָט עס גוט אויפגעפּאַסט, — רופט זיך אָן איינער פון די חלוצים — עס איז מיר שוין נישט איינמאָל גע־קומען אויפן געדאַנק, אַז מיר זענען נישט מער, ווי אַ סעקטע".

דערנאָך רופט זיך אָן אַ צווייטער חלוץ: „די ציוניסטישע קאָלעקטיוויזאַציע האָט קיין שייכות נישט מיט סאָציאַליזם, ווייל אינערהאַלב אין די ציוניסטישע קאָלעקטיוון קען מען דאָך טרעפן פיל רעוויזיאָניסטישע קיבוצים, און זיי אונטערשיידן זיך דאָך נישט פון אונדזערע קיבוצים".

„נו, — פרעג איך — ווער האָט נאָך עפּעס צוצוגעבן? איר זענט דאָך אין קיבוץ, דאַרפט איר מיר אויפקלערן וועגן קיבוצישן לעבן".

דאָן רופט זיך איינער אָן: „הערט, חברה, וואָס איך וועל אייך זאָגן, מיטן גאַנצן טאַראַראַם ביים שאַפן די ציוניסטישע קאָלעקטיוויזאַציע זענען די ציוניסטן אויסן געווען צוויי זאַכן: קודם־כל זענען די קיבוצים געשאַפן געוואָרן צוצוצי'ען די יידישע יוגנט, וועלכע איז סאָציאַליסטיש געשטימט, און דער עיקר, דער קיבוץ איז פאַר דעם ציוניזם אַ גוטער, אַזוי געדופענער, געלער מאַריין (אַנטשולדיק — זאָגט ער צו דער געלער חלוצקע — איך מיין נישט דיך צו טשעפּען...), ווו זיי מאַכן מיט אונדז וואָס זיי ווילן. מיר ווייסן דאָס גאַנץ גוט, אָבער אין די גלות־לענדער האָבן מיר דאָס נישט פאַרשטאַנען, און יעצט, זייענדיק אין קיבוץ, איז פונקט ווי מיר וואָלטן געווען אין אַ האָטעל. דעריבער אַנט־לויפן פיל פון קיבוץ. נישט קוקנדיק וואָס שוין טויזנטער זענען

געפאָרן אין די קיבוצים אַריין, געפינען מיר יעצט אַ גאַנץ קליי-נעם טייל פון זיי זיצן אין די קיבוצים, ווייל דאָ זעט מען ערשט, איינער פריער און איינער שפעטער, אַז מען האָט געהאַט אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן קיבוץ".

אין דערמיט פון זיינע רייד איז אָנגעקומען דער שומר פון קיבוץ, און מיר האָבן געמוזט דעם געשפרעך איבעררייסן.

„וואָס? איר שלאָפט נאָך נישט?" — פרעגט דער שומר.

איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט באַלד געהאַט אַתירוץ פאַר דעם שומר; ער זאָגט אים, אַז ער איז ערשט געקומען פון רומעניע, און זיי האָבן געוואָלט הערן וואָס עס הערט זיך ביי זייערע נאָענטע. אָבער פירן אונדזער געשפרעך איז שוין נישט מעגלעך געווען. עס איז שוין אויך געווען שפעט און מיר זענען געגאַנגען שלאָפן.

שבת פרי האָבן מיר באַמערקט, אַז די צוויי חלוצות פון שומרישן קיבוץ „חרטיה", וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אונדז אין פאַבריק, זענען געקומען צופאָרן אין דזשעדאַ — און האָבן שפּאַ-צירט מיט דעם מפא"יניק זעליק.

מיר האָבן נישט געלייגט אויף זייער פלוצימדיקן באַזוך קיין פיל אַכט, נישט גלייבנדיק, אַז זיי האָבן אַ מיינונג צו צעברעכן דעם שטרייק, ווייל ביידע חלוצקעס האָבן צוזאַמען מיט די אי-בעריקע אַרבעטער פון פאַבריק געשטימט פאַרן שטרייק.

צומאָרגנס אין דער פרי זענען כמעט אַלע אַרבעטער גע-ווען פאַרזאַמלט אין פאַבריק, און מיר האָבן נישט געאַרבעט ביז עס זענען געקומען די צוויי חלוצקעס פון „חרטיה".

זיי האָבן אונדז דערקלערט גלייך ביי זייער אָנקומען, אַז זיי האָבן באַקומען אַ דירעקטיוו פון זייער קיבוץ, זיי זאָלן נישט שטרייקן, ווייל, דער שטרייק איז קעגן דער „ההתדרות".

גלייך האָבן זיי געהאַט צוהילף דעם מפא"יניק זעליק און זיי האָבן געבראָכן דעם שטרייק.

און אַזוי ווי זיי האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, איז געקומען צו פאָרן דער דירעקטאָר פאַגעל אויף אַ טאַקסיס און די פּאָר שרע-

קעוודיקע אַרבעטער האָבן פאַר מורא אויך אָנגעהויבן צו אַר־בעטן, און אַזוי אַרום איז דער שטרייק געבראָכן געוואָרן.

נאָכן אָפּאַרבעטן ווייטערדיקע צוויי וואָכן, לייענען מיר אַ ידיעה אין דער פרעסע, אַז די פאַבריק אין דזשעדאַ איז באַנקראָט.

איבערלייענענדיק די ידיעה, האָבן מיר זיך געווענדעט צו דעם דירעקטאָר וועגן דעם געלט, וועלכעס קומט אונדז שוין פאַר צוויי חדשים אַרבעט.

אויף אונדזער ווענדונג, האָט דירעקטאָר פּאָגעל געענט־פערט, אַז באַלד דאַרף דער דירעקטאָר ראָזנבלאַט קומען צופאָרן און די זאַך וועט ווערן דערליידיקט.

און פאַקטיש איז דירעקטאָר ראָזנבלאַט באַלד געקומען און צוזאַמענגערופן אַלע אַרבעטער אין קאָנטאָר אַריין.

דירעקטאָר ראָזנבלאַט גיט אונדז איבער, אַז ער האָט אונדז צוזאַמענגערופן, כדי אונדז איבערצוגעבן, אַז די פירמע „טעקס־טיל־וואָרקס, דזשעדאַ" האָט זיך דערקלערט פאַר באַנקראָט. דאָך הייבט ער אָן איבערצוגעבן די סיבות פון באַנקראָט און אַז די שולד ליגט נישט אין דער דירעקציע, נאָר אין גאַנצן ישוב, ווייל דער ישוב האָט נישט מיטגעהאָלפן, מיט קויפן די דזשעדאַער אויס־אַרבעטונג, צו אַנטוויקלען די דאָזיקע פאַבריק.

„יאָ, גוט, — רייסט אים איבער אַן אַרבעטער — אָבער ווען וועלן מיר באַקומען אונדזער געלט פאַר דער אַרבעט?"

„טאַקע דערוועגן, — זאָגט דער דירעקטאָר — האָבן מיר אייך גערופן. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז ליידן וועט דער גאַנצער ישוב, און נישט בלויז איר מיט די עטלעכע פונט, וואָס עס קומט אייך". און דער דירעקטאָר הייבט אָן צו רעדן וועגן אונדזערע נאַציאָנאַלע פליכטן, אַז מיר מוזן מיטליידן און...

„האַקט נישט קיין טשייניק, — רייסט אים איבער אַן אַר־בעטער — באַצאָלט וואָס עס קומט אונדז פאַר אונדזער שווערער אַרבעט. מיט שיינע דרשות וועט איר אונדז נישט דעקן דעם חוב"

עס ווערט אַ טומל אין קאָנטאָר, דער דירעקטאָר כאַפּט אַ בענקל צו וואַרפן דעם אַרבעטער, און גלייך דערויף כאַפּט דער אַרבעטער אַ צווייט בענקל צו וואַרפן דעם דירעקטאָר. קוים, וואָס דעם דירעקטאָר פּאָגעל געלונגט צו באַרויקן די אויפגערעג־

טע געמיטער, און דירעקטאָר ראָזנבלאַט הויבט ווייטער אָן צו רעדן, אָבער שוין נישט אין יידיש, נאָר אין לשון־קודש. גלייך הויבן עטלעכע אַרבעטער אָן צו שרייען: „יידיש יידיש! מיר ווילן אויך פאַרשטיין, וואָס איר ווילט אָנבלאָפן".

„איך וועל זיין געצוווּנגען — שרייט דירעקטאָר ראָזנ־בלאַט — אַריינצורופן די פּאָליציי, אַז איר וועט זיך ווייטער האַלטן חוצפּהדיק. דערווייל בין איך נאָך דירעקטאָר, און נישט א י ר".

נאָך די לעצטע נישט־טאַקטישע ווערטער האָט שוין דער דירעקטאָר נישט געקאָנט ווייטער רעדן, צוליב דעם טומל, וועל־כער איז פריש אָנטשטאַנען.

די דירעקטאָרן, זעענדיק, אַז זיי וועלן אונדז נישט קאָנען פאַנגען מיט שיינע דרשות אָנשטאָט צו באַצאָלן פאַר דער אַר־בעט, האָבן זיך גיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ מיט אָן אויסרייד, אַז זיי פאָרן ברענגען געלט צו באַצאָלן פאַר דער אַרבעט.

בעתן וואַרטן אויף די דירעקטאָרן מיטן געלט, זענען אָנ־געקומען צו פאָרן פון דער פּראָקוראַטור עטלעכע באַאַמטע און האָבן פאַרחתמעט די פאַבריק.

נישט האָבנדיק שוין צו ווען זיך צו ווענדן און זייענ־דיק אונטערן פרייען הימל, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַלע אַרבעי־טער זאָלן צופאָרן אין חיפה צו חבר שאַפּיראָ אין „הסתדרות".

געקומען צום חבר שאַפּיראָ, האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז דער „הסתדרות" זאָל אונדז געבן אַן אַדוואָקאַט אָנצוקלאָגן אונדזערע „ברויט־געבערס", ווייל עס קומט אונדז איבער 300 פונט פאַר אַרבעטס־לוין.

חבר שאַפּיראָ האָט אונדז אויסגעהערט און געזאָגט: „וואָס? איר ווילט קלאָגן געריכטלעך? חס־וחלילה! אָנקלאָגן טאָר מען נישט, ווייל עס קאָן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף די קאַפּיטאַ־ליסטן אין אויסלאַנד, וועלכע ווילן קומען מיט זייערע קאַפּיטאַלן. אויב זיי וועלן הערן, אַז דאָ קלאָגן אַרבעטער אָן אין געריכט־ וועלן זיי נישט וועלן קומען".

מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונדזער גליק אויף דער שוועל פון דעם ראָמאַנטיש באַזונגענעם עמק.

8

באַנטגעניש מיט באַקאַנטע. — איך פֿאָר שלאָפֿן קיין אַחוזה. — דייטשע עמיגראַנטן. — אַראַבישע פּאָליציי. — דער ביר־סוחר.

אַרויסגייענדיק פון „הסתדרות"־לאָקאַל אין חיפה, באַגעגן איך צוויי באַקאַנטע מיידלעך, מיט וועלכע איך בין געפאָרן צו־זאַמען נאָך פּאַלעסטינע, די באַקאַנטע ל. און ג.

זיי דערציילן מיר זייער „גליק", וואָס זיי האָבן געפונען אין „גאָלדענעם לאַנד" פון פּראָספּעריטי.

פרוילין ל. זאָגט מיר, אַז ווען נישט וואָס איר מוטער שיקט איר פון צייט צו צייט עטלעכע זלאָטעס, וואָלט זי גע־שטאָרבן פון הונגער, און פרוילין ג. באַקומט, ווי איך דערוויס זיך פון איר, כסדר בריוו פון דער היים, אַז זי זאָל איינפּאַקן די זאַכן און אַהיים קומען. „וואָלט איך נאָך געהאַט — זאָגט זי — די זאַכן און אויף רייזע־שפּעזן, וואָלט איך טאַקע געפאָרן".

„עס איז טאַקע כדאי — זאָג איך איר — אַז דו זאָלסט אַהיים פאָרן, ווייל עס איז מיר געווען אַ מיטלייד צוצוקוקן ווי דיין מוטער האָט געוויינט, אַז עס איז איר נעבעך נישט באַשערט צו זיין אויף דיינע תנאים. איצט ווען דו וועסט אַהיים פאָרן, וועט דיין מוטער נישט בלויז זיין אויף דיינע תנאים, נאָר זי וועט דיך צו דער חופה אויך פירן.

די צוויי באַקאַנטע פרוילינס בעטן מיך, אַז איך זאָל מיט זיי צוגיין צו דעם „שווייגער", וועלכער איז מיט אונדז צוזאַמען געפאָרן אַלס טוריסט.

איך לאָז זיך פון זיי גערנוויליק פירן צו דעם „שווייגער", ווייל איך וויל הערן, צי ער האָט נאָך הונדערטער פּרעטענסיעס צו די פּאַלעסטינער עמיגראַנטן.

אַריינקומענדיק צו דעם „שווייגער" פרעג איך אים, צי ער האָט זיך שוין לעגאַליזירט, און ווי ער האָלט מכח ברענגען זיין פרוי און קינד.

„רעדט בעסער נישט וועגן דעם, — זאָגט דער „שווייַ־גער" — נאָך דאָס פעלט מיר, גיט מיר בעסער אַן עצה, ווי אַזוי

איך זאָל צוריק באַקומען די זעכציק פונט, וועלכע איך האָב איינגעלייגט ביים קאָנסול אין וואַרשע".

„אָבער אין באַן — זאָג איך — ווען איר זענט געפאָרן נאָך פּאַלעסטינע, האָט איר אַביסל אַנדערש גערעדט".

„בלויז איך? — זאָגט ער — עס האָבן אַלע אַנדערש גע־דענקט, ווייל די פּרעסע האָט טאָג־איין טאָג־אויס געשריבן, אַז עס פעלט ממש אויס אַרבעטס־הענט אין פּאַלעסטינע. און וויפל האָט מען דאָרט געליאַרעמט וועגן די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן. איך בין זיי שוין מוחל דאָס לאַנד, ווו מען פּראָדוקטיווי־זירט די יידישע מאַסן, ווייל פון די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין דאָ, האָב איך קוים געהאַט צוועלף אַרבעטס־טעג און צו דעם בין איך אַ קוואַליפיצירטער שלאָסער. נו, וואָס זאָגט איר דערצו?"

„וואָס זאָל איך זאָגן — זאָג איך צו אים — רעדן איז זיל־בער און שווייגן איז גאָלד"...

„ניין, ניין, נישט ריכטיק — זאָגט ער — דאָס איז דער גרעסטער פעלער, מיר דאַרפן מאַכן אַ געוואַלט, אַז מען זאָל הערן פון איין עק וועלט ביז צו דעם צווייטן. ווייניק וואָס מ'ר זענען אומגליקלעך געוואָרן? זאָלן כאָטש אונדזערע נאָענטע און באַקאַנטע נישט אַהער קומען".

געזעגענענדיק זיך זאָגט צו מיר דער „שווייגער": „איר מאַכט דעם גרעסטן פעלער, וואָס איר דענקט, אַז שווייגן איז גאָלד".

אַרויסגייענדיק פון „שווייגער", הויב איך אָן צו זוכן די דזשעדזאַער קבוצה, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען זי צו גע־פינען. איך הויב אָן צו קלערן, ווו איך וועל איבערנעכטיקן. גיי־ענדיק אַזוי אין גאַס, דערמאָן איך זיך, אַז אין איינעם פון די חיפהער קינאָס אַרבעט מיינער אַ בן־עיר בענדקאָווסקי.

איך גיי אַריין אין נאָענטסטן קינאָ און איך ווענד זיך צו דעם קאַסירער צי עס אַרבעט דאָ אַ מעכאַניקער בענדקאָווסקי.

דער קאַסירער, זייער אַ פריינטלעכער, זאָגט מיר, אַז ב. האָט פּאַקטיש דאָ געאַרבעט מיט עטלעכע יאָר צוריק און היינט אַרבעט ער אין אַן אַנדערן קינאָ. ער שילדערט מיר גענוי ווי איך זאָל גיין צו דעם קינאָ, ווו ב. אַרבעט.

קומענדיק אין אַנגעווייזענעם קינאָ, בעט איך דעם וואַזשני, אַז ער זאָל אַרויסרופן דעם מעכאַניקער בענדקאָווסקי און אים זאָגן, אַז אַ באַקאַנטער וואַרט אויף אים.

עס דויערט עטלעכע מינוט און ב. קומט אַרויס. נישט קוקנדיק וואָס מיר האָבן זיך שוין פופצן יאָר נישט געזען, דער־קענט ער מיך דאָך און דערלאַנגט מיר אַ ברייטן שלום־עליכם.

מיר רעדן שטייענדיק אין וואַרטע־זאַל עטלעכע מינוט, און איך דערוויס זיך פון מיין בן־עיר, אַז ער בויט זיך אַ צוויי־שטאָקיק הויז אין חיפה.

איך זאָג אים, אַז איך וואָלט געוואָלט ביי אים איבערנעכ־טיקן, ב. ענטפערט מיר, אַז ביי אים איז עס אוממעגלעך, ווייל ער האָט אַן ענגע דירה, און ער עצהט מיך, אַז איך זאָל מיטן אויטאָבוס צופאָרן קיין אַחוזה; דאָרט וווינט אונדזערס אַ בן־עיר כּץ, וועלכער איז ערשט לעצטנס געקומען פון פוילן, און איך וועל ביי אים זיכער קאָנען איבערנעכטיקן.

נישט האָבנדיק קיין ברירה, פאָר איך גלייך נאָך אַחוזה אין אויטאָבוס, וועלכער פירט מיך איבערן הר־הכּרמל — אַן אויסערגעוויינלעך שיינע געגנט — איז אָבער מיין געמיט ווייט פון אַנטציקונג, ווייל איך שרעק זיך, אַז מיין בן־עיר כּץ זאָל נישט ענטפערן, אַז אין חיפה וווינט אַ בן־עיר בענדקאָווסקי.

קומענדיק אין אַחוזה, גיי איך אין געשעפט פון מיין בן־עיר, און נישט צו פאַרלירן קיין איבעריקע צייט פרעג איך אים: „חביבי יוסף, אפשר וועל איך קאָנען ביי דיר איין נאַכט איבער־נעכטיקן ?"

„נו, מילא — זאָגט כּץ — איין נאַכט וועט מען זיך אַן עצה געבן, אָבער — גיט ער צו — איך גיי ערשט אַהיים אַרום עלף פון געשעפט, אַז דו ווילסט — עצהט ער מיך — וואָלסטו גע־קאָנט דערווייל מאַכן אַ באַזוך אין סאַנאַטאָריע, דאָרט געפינט זיך לעצטנס חוה פון אונדזער שטאָט און זי וועט זיין צופרידן, אַז דו וועסט זי באַזוכן.

ווען איך קום אין סאַנאַטאָריע, טרעף איך דאָרט די באַ־קאַנטע חוה זיצן אויף אַן אויסלייג־שטול, אָבער עס איז מיר

שווער געווען זי גלייך צו דערקענען. זי איז געל ווי וואַקס און איינגעדאַרט, דערצו נאָך פון דער נאַטור אַ קליינע, און אירע פיס זענען איצט אַזוי דין, אַז ווען זי שטעלט זיך אויף, שרעק איך זיך, די פיס זאָלן זיך איר נישט איבערברעכן.

חוה, ווי איך באַמערק, איז נישט שטאַרק צופרידן פון מיין באַזוך, זי פילט זיך עפּעס אין אַ פאַרלעגנהייט.

אויף מיינע פראַגן וועגן איר געזונט-צושטאַנד, ענטפערט זי, אַז איצט פילט זי זיך שוין זייער גוט און זי שפּאַצירט שוין אויך.

אין מיטן אונדזער קורצן געשפּרעך, הויבט דער גלאָק אָן צו קלינגען. אַ סימן אַזעלכער, אַז די סאַנאַטאָריע-געסט דאַרפן גיין עסן.

נאָכן עסן באַקאָן איך זיך מיט עטלעכע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, וועלכע געפינען זיך אין סאַנאַטאָריע, און מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער אַחוזה.

מיר האָבן שפּאַצירט אַ לענגערע צייט, דער געשפּרעך איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער, ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער טעמע: היטלער-דייטשלאַנד.

אין מיטן געשפּרעך רייסט איין דייטשקע איבער אין אַ נערוועזן טאָן: „וואָס רעדט איר אַזוי פיל וועגן היטלער-דייטש-לאַנד, איצט זענען מיר דאָך אין פּאַלעסטינע. נו, שיקט מען דען נישט אַרויס פון לאַנד מענטשן, וועלכע קריטיקירן די ציוניסטן?"

די איבעריקע מיטשפּאַצירנדע האָבן איר צוגעשטימט זאָגנדיק אין אַ דייטשן אַקצענט: „יאַ, יאַ, עס איז ריכטיק".

איך האָב זיי געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז זיי זאָלן זיך אַ ביסל היטן מיט איבעריקע ווערטער, ווייל אין אַלע עפּנטלעכע ערטער דרייען זיך אַרום ציוניסטישע אַגענטן, וועלכע הערן אונ-טער די פּריוואַטע געשפּרעכן. אויך מיך, קאָנען זיי ערשט פון דעם הייטיקן אָוונט און זיי ווייסן נישט, ווער איך בין. זיי דאַרפן נישט האָבן צו יעטווערן צוטרוי, און כאָטש עס האָט נאָך נישט פּאַסירט ביז איצט, אַז מ'זאָל דעפּאָרטירן צוריק קיין דייטשלאַנד, אָבער... אויך דאָס קאָן ווערן מיט דער צייט אַ טרוי-עריקער פאַקט.

אויסהערנדיק מיינע ווערטער, רופט זיך איינער פון זיי אָן: „צי האָבן מיר נישט רעכט? די ריכטיקייט מוז דאָך געזאָגט ווערן. מיט וואָס פאַר אַ רעכט — גיט ער צו — שרייבט די ציוניסטישע פרעסע וועגן היטלער־דייטשלאַנד, ווען דאָ מאַכן די ציוניסטן פיל גרעסערע שווייַנערייען".

דער געשפרעך איז מיר זייער אינטערעסאַנט, אָבער מיין געזעלשאַפט מוז צוריקגיין אין סאַנאַטאָריע. עס איז זיי נישט דערלויבט שפּעט אין אָוונט צו זיין אויסער די סאַנאַטאָריע־גרענעצן.

איך פרוו אויסדריקן מיין ווונטש, אַז איך וואָלט גערן געוואָלט מאָרגן פאַרברענגען מיט זיי צוזאַמען עטלעכע שעה. זיי גייען גערן איין אויף מיין פּראָפּאָזיציע.

ביים אַוועקגיין זאָגט מיר איינער פון מיין געזעלשאַפט: „ביטע צו זיין מאָרגן פּינקטלעך, פּונקט אַזייגער אַכט קומען מיר אָן".

אַוועקגייענדיק עטלעכע הונדערט מעטער פון מיין געזעלשאַפט, באַקום איך פּלוצים פון הינטערווייַלעכץ אַ קלאַפּ. ווען איך גיב זיך אַ דריי אויס, דערזע איך צוויי פּאָליציי־לייט, איינער לייכט מיר גלייך מיט אַ באַטעריע אין פּנים אַריין און ער זאָגט (אין העברעיש): „איך האָב דיך דערקאָנט אין גיין".

ער שטעלט די באַטעריע אָן אויף זיין פּנים און ער פרעגט מיך צי איך דערקען אים?

צוליב זיין העברעישער אויסשפּראַך האָב איך גערעכנט, אַז איך האָב צו טון מיט אַ יידישן פּאָליציאַנט, אָבער אַדאַנק די ליכט פון דער באַטעריע אויף זיין פּנים, האָב איך דערזען, אַז ס'שטייט פאַר מיר אַ באַקאַנטער אַראַבישער פּאָליציאַנט מיט נאָך אַן אַראַבישן פּאָליציאַנט, וועלכער איז מיר נישט געווען באַקאַנט.

ווען איך האָב אָנגערופן דעם באַקאַנטן פּאָליציאַנט ביים נאָמען, איז ער אַרויפגעפאַלן אויף מיר און מיך אָנגעהויבן קושן.

נאָכן צוקושן זיך, באַקענט ער מיך מיט דעם חבר זיינעם. יענער קאָן נאָר רעדן אַראַביש און אַביסל ענגליש.

זיי האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל מיט זיי מיטגיין טרינקען

אַ גלאָז ביר. נישט קאָנענדיק אָפּזאָגן, בין איך מיט זיי גע־גאַנגען טרינקען.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען טרינקען ביר צו אַ יידישן ביר־סוחר. באַלד ביי אונדזער אַריינקומען האָבן מיר באַמערקט, אַז דער סוחר קוקט אויף אונדז קרום.

אוועקזעצנדיק זיך, זאָגט מיר מיין באַקאַנטער פּאָליציאַנט, אַז דאָס קרומע קוקן פון דעם יידן איז צוליב דעם, ווייל איך בין אין געזעלשאַפט פון אַראַבער.

מיר האָבן דאָס ביר אויסגעטרונקען. מיין באַקאַנטער איז גע־ווען גליקלעך, אַז איך לאָז אים צאָלן און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע מעטער, האָבן מיר באַמערקט, אַז דער ייד (פון ביר) שפּיאָנירט נאָך ווו מיר גייען.

מיר האָבן זיך גלייך אָפּגעזעגנט, כּדי ס׳זאָל נישט ווערן אויפפאַלנד אונדזער חברישקייט.

נאָכן אַוועקגיין פון די צוויי פּאָליציאַנטן, קומט צו מיר צו דער ייד (פון ביר) און פרעגט מיך אין אַ חוצפּהדיקן טאָן, פון וואַנען איך קען די צוויי אַראַבישע פּאָליציאַנטן?

איך האָב זיך געמאַכט תּמעוואַטע און געזאָגט: „וואָס רעדט איר? איך בין דאָך געווען זיכער, אַז דאָס זענען יידן, אחינו בני ישראל, זיי רעדן דאָך אַ הערלעכן העברעיש. ווען איך וואָלט געוווּסט — האָב איך צוגעגעבן — אַז דאָס זענען שוואַרצע, וואָלט איך מיט זיי נישט געגאַנגען קיין האַלבע מינוט".

דער ייד האָט מיין ענטפער אָנגענומען פאַר אַ גוטע מטבע און געזאָגט: „איר מוזט נישט לאַנג זיין אין הייליקן לאַנד, ווייל אַ היגער דערקענט גלייך דעם אונטערשיד פון אַ אונדזעריקן ביז אַ שוואַרצן. יאָ — גיט ער צו — אייער אויס־שפּראַך זאָגט, אַז איר זענט אַ גריגער.

איך האָב געזען אין זיין רעדן, אַז ער איז זיכער, דאָס איך האָב נישט געוווּסט, אַז די פּאָליציאַנטן זענען „שוואַרצע".

9

מיין בן־עיר כץ. — אין לאָקאַל פון חיפהער „הסתדרות. — אָקופּאַציע. — אין „כפר אתא". — צוריק אין תל־אביב.

דער זייגער איז שוין געווען האַלב צוועלף, ווען איך בין געקומען צו מיין בן-עיר כץ.

געטראָפן האָב איך אים זיצן צוזאַמען מיט זיין ברודער ביים טיש. זיי האָבן געהאַלטן אין מיטן עסן.

זייענדיק הונגעריק, האָב איך געטראַכט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען, ווען זיי לאַדן מיך איין מיט-עסן, אָבער זיי האָבן דאָס אַפילו נישט אין זינען געהאַט. פאַר הונגער האָב איך פאַררויכערט מיין פייקע און כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן.

ווען איך האָב געזען דורך דער באַלקאָן-טיר, אַז זיי האָבן שוין געענדיקט עסן, בין איך צוריק אַריין אין צימער.

מיר זענען געזעסן אַ צייט זאַלבעדריט און גערעדט וועגן פאַרשידענע באַקאַנטע, ביז דער זייגער האָט געשלאָגן איינס.

די ברידער כץ האָבן אָנגעהויבן אויפצובעטן די צוויי בעטן, וועלכע זענען געשטאַנען אין צימער, און איך האָב געקוקט ווי אַ שטומער: אין וועלכן בעט וועל איך שלאָפן און מיט וועמען פון זיי?

אין דעם קומט צו דער עלטערער ברודער כץ, מיט וועלכן איך בין נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק געווען אין פּוילן זייער נאָענט באַפריינדעט און גיט מיר צוויי צייטונגען און זאָגט: „אַנטשולדיק, דאָס צימער איז היינט נישט געוואָרן אויסגעקערט, לייג דיר אונטער די צייטונגען, זאָלסט זיך נישט איינחורן". ער ווייזט מיר אויך אָן אַ ווינקל אין צימער אויף דער פּאָדלאָגע, וווּ איך זאָל זיך אַוועקלייגן, און ער לעשט אויס די עלעקטריע.

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע. די צייטונגען האָבן מיך באַדאַרפט היטן, אַז כ׳זאָל זיך נישט איינחורן, אָבער זיי האָבן מיך נישט פאַרהיטן פאַר דער קעלט, וועלכע דער צעמענט האָט געצויגן אין מיינע ביינער.

נאָכן אָפּליגן צוויי שעה אויף דער צעמענטענער פּאָד-

לאנגע, האב איך אנגעהויבן פילן א שוידער אין די ביינער אזוי, אז איך האב זיך געמוזט אויפהייבן פון מיין „ערשט-דאנגיקן" געלעגער איך האב געעפנט די טיר, ארויסגע-גאנגען אין גאס און געווארט אויף דעם ערשטן אויטאבוס, וואס זאל מיך אוועקפירן פון דעם ארט, וו ס'וווינט דער פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון מיין געבורטס-שטאט.

זיצנדיק אין אויטאבוס, האב איך זיך דערמאנט, אז איך האב זיך אויף היינט אכט אוונט באשטעלט צו טרעפן אין אחוזה מיט די דייטשע עמיגראנטן פון סאנאטאריע.

קומענדיק אין לאקאל פון „הסתדרות" אין חיפה, האב איך דארט געטראפן די דזשעדאער קבוצה, דערונטער אויך דעם יונגן חלוץ, וועלכער האט געזאגט, אז מיר זענען געקומען קיין ארץ-ישראל צו ארבעטן בייטאג און צו היטן ביינאכט דאס האב און גוטס, וואס מיר שאפן בייטאג.

מיר האבן זיך אנגעקוקט איינער דעם צווייטן ווי אבלים, קיינער האט נישט קיין פרוטה ביי דער נשמה, אבער פון זיי האב איך זיך דערוויסט, אז זיי האבן זיך שוין בעסער איינגעארדנט די לעצטע נאכט מיט א נאכט-לעגער, ווי איך.

זיי האבן באקומען פון דער פירערין פון „הסתדרות", שושנה קראוויעץ, א בריוו צו דעם פארוואלטער פון הכנסת-אורחים, אז ער זאל זיי געבן אן ארט אויף איין נאכט איבערצו-נעכטיקן.

איך פרעג דעם יונגן חלוץ, צי ער וואלט נאך איצט גע-וואלט גיין ביינאכט היטן דאס „בשותפותדיקע האב און גוטס".

„אנטשולדיק חבר — זאגט ער — איצט זע איך, אז איר האט שוין מער דערפארונג פון מיר. אמת זאגנדיק — גיט ער צו — ווען איך וואלט די טראגעדיע אליין נישט מיטגעמאכט, וואלט איך דאס מיר גארנישט געגלויבט. יא, דאס לעבן איז די בעסטע שול".

דער איינציקער פון אונדזער קבוצה, וועלכער לעבט נאך מיט דער האפענונג, אז מיר וועלן נאך באקומען באצאלט דאס געלט פאר אונדזער ארבעט, איז דער מפא"יניק זעליק. ער לויפט

ווי אַ געדונגענער שליח פון איינעם צום צווייטן, אַלע מאָל מיט פרישע ליגנס, אָבער קיינער וויל אים איצט נישט אויסהערן, אַלע שטויסן אים אָפּ.

נאָך אַ לענגערער באַראַטונג באַשליסן מיר, אַז מיר זאָלן אָקופּירן די „הסתדרות"-ביוראָ, ביז די הסתדרותישע פּאַרפירער וועלן אונדז נישט געבן יעדן כאָטש אַ האַלבן פונט, כּדי מיר זאָלן קאָנען אָפּפאָרן פון חיפה, ווייל אין חיפה איז אַ שרעקלע-כע אַרבעטסלאָזיקייט.

נאָכן אָקופּירן די ביוראָ פון „הסתדרות" קומט משה שאַ-פּיראָ מיט אונדז אונטערהאַנדלען... ער שרעקט אונדז, אַז ער וועט טעלעפאָנירן נאָך פּאָליציי. ווען ער זעט, אַז מיר ווערן קנאַפּ נתפּעל פון זיינע דראָאונגען, ווערט ער אַ ביסל ווייכער, און יעדער באַקומט אַ האַלבן פונט מיט אַ באַדינג, אַז מיר מוזן באַלד פאַרלאָזן חיפה, און ווער עס וועט בלייבן, פאַרלירט די „רעכט אויף אַרבעט".

איידער איך פאָר אָפּ פון חיפה דערוויס איך זיך, אַז אין „אתא" עפנט זיך אַ טעקסטיל-פאַבריק.

מיר פאָרן דריי מאַן נאָך „אתא" זען, צי עס איז מעגלעך דאָרט צו באַקומען אַרבעט.

געקומען קיין כּפר אתא, ווענדן מיר זיך צו דעם אינהאַבער פון פאַבריק, און ווייסנדיק, אַז דער אינהאַבער איז אַ ווינער, הויבן מיר אָן מיט אים צו רעדן דייטש, אָבער ער וויל מיט אונדז דעם געשפרעך נישט פירן פריִער, ווי מיר וועלן נאָך אַ מאָל דאָס איבערחזרן אויף... לשון-קודש.

נאָכן אויסהערן אונדזער פאַרלאַנג (אין לשון-קודש) ענט-פערט ער אונדז, אַז עס איז אוממעגלעך נאָכצוקומען אונדזער פאַרלאַנג, ווייל ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם „הסתדרות" אין חיפה, אַז ער וועט נאָר נעמען אַרבעטער דורך דעם „הסתדרות".

אונדזער אינטערווענץ אין חיפהער „הסתדרות" וועגן דער אַרבעט אין „אתא" האָט קיין פּעולה נישט געהאַט.

קומענדיק צוריק אין תּל-אביב אין אַ צייט, ווען די אַר-בעטסלאָזיקייט וואַקסט פון טאָג צו טאָג, הויבט זיך פאַר מיר

ווייטער אָן די פּיין פון שלאָפן אין אויטאָבוסן, דערצו איז פּונקט איצט דער סעזאָן פון רעגן, און מען כאַפּט בײנאַכט אין אויטאָבוס אַ שטאַרקן ציטער.

גאַנצע טעג שטיי איך מיט נאָך הונדערטער אַרבעטער אויף דער אַרבעטער־בערזע, אָבער אונדזער שטיין איצט איז אומזיסט. שוין מער, ווי צוויי וואָכן ווי עס האָט נאָך קיינער נישט געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַ טאָג אַרבעט.

אויך דער „הסתדרות" איז יעדן טאָג פול מיט אַרבעטסלאָזע. בלויז ביי די שוואַרצע אַרבעטער איז דאָ איבער טויזנט אַרבעטסלאָזע, און אין די אַנדערע סעקציעס איז די אַרבעטסלאָזיקייט אַ פּיל גרעסערע.

נאָכן אַרומדרייען זיך עטלעכע וואָכן אין תל־אביב, באַקום איך — דורך פּראָטעקציע — אַרבעט אין חדרה.

10

חדרה. — „פריילעכע סצענעס". — דער יידישער קוזאַ. — באַרונקעלס.

קומענדיק אין חדרה, הויב איך גלייך אָן צו אַרבעטן אין אַ פּרדס. דער פּרדסן זאָגט מיר, אַז ער וועט מיר צאָלן צוואַנציק פּיאַסטער טעגלעך.

צו דער אַרבעט זענען מיר געפאָרן אין אַ לאַסט־אויטאָ, געפּאַקט ווי די הערינג.

אין פּרדס האָבן אויך געאַרבעט פיר אַראַבישע אַרבעטער, נאָר זיי זענען געקומען אין דער פרי צו פוס. ווייל דער אויטאָ האָט זיך אין וועג, וווּ די אַרבעטער האָבן געוווינט, נישט אָפּגעשטעלט.

צוריק פון דער אַרבעט, זענען די אַראַבישע אַרבעטער געפאָרן צוזאַמען מיט אונדז אין אויטאָ.

דאָס פאָרן צוזאַמען מיט די אַראַבישע אַרבעטער אַהיים פון דער אַרבעט האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי איך וואָלט זיך געפונען אין אַן אמתער באַנדיטן־געזעלשאַפט.

ווו די אַראַבער האָבן זיך אָוועקגעשטעלט האָט נישט גע־

טויגט, זיי האָבן נישט געטאָרט שטיין אַלע פיר צוזאַמען און אַפילו איינער נאָענט ביים צווייטן.

ווי נאָר דער לאַסט־אויטאָ האָט אָנגעהויבן פאָרן, האָבן מיר געהאַט „פריילעכע" סצענעס.

די חלוצים האָבן זיך אָנגעהויבן „פאַרוויילן". ביי איין אַראַבער האָבן זיי אַראָפגעוואָרפן די קופיע *) אַ צווייטן האָבן זיי געשנעלט אין אויער. דעם דריטן האָבן זיי אָנגעשטאָכן אַ צייטונג אין די קופיע און דעם פערטן אַראַבער האָבן זיי ספּעציעל געקלאַפּט אין קאַרק **) אַריין, וואָס איז ביי די אַראַבער די גרעסטע באַליידיקונג.

די „היימלעכקייטן" האָבן מיר געהאַט יעדן טאָג, נאָר מיט געטוישטע „יוצרות".

ווען מיר זענען אין דער פרי געפאָרן צו דער אַרבעט, האָבן זיך די חלוצים אדורכגערעדט, וואָס עס דאַרף אַהיימפאָרנדיק אָפּגעטון ווערן מיט די אַראַבער. און אַז איך האָב זיי איינמאָל, די בויער פון דער נאַציאָנאַלער היים, געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז זיי האַנדלען נישט ריכטיק לגבי די אַראַבישע אַרבעטער, האָבן זיי מיך געוואָלט אויפעסן. „אַלזאָ — רופט זיך אָן אַ חלוץ מיט ביטול — הייסט ווערט זיך דער חברה־מאַן (ער ווייזט אויף מיר) מיט די אַראַבער קושן".

דעם ערשטן שבת, וואָס איך בין געווען אין חדרה איגעקומען צו גאַסט דער „עליה־מיניסטער" יצחק גרינבוים האַלטן אַ רעפעראַט.

שטייענדיק אין בית־עם בשעת יצחק גרינבוימס רעפעראַט, פרעגט מיך פלוצים אַ יונגערמאַן, וועלכער שטייט נעבן מיר, „נו, ווי געפעלט אייך דער יידישער קוזאַ?"

איך קוק דעם יונגנמאַן אָן און איך זע, אַז דאָס פנים איז מיר עפעס באַקאַנט, אָבער איך דערמאָן זיך נישט, ווו איך האָב זיך מיט אים געטראָפן.

---

*) קופיע — אַ טיכל, וואָס די אַראַבער טראָגן אָנשטאָט אַ היטל.

**) דאָס איז אַ פּראָפּאָזיציע אויף האָמאָסעקסואַליזם.

„לאָזט מיך הערן דעם רעפערענט — זאָג איך — און שטערט מיר נישט איצט".

און איך הער טאַקע ווי גרינבוימס לייבן־שטימע דונערט: „ווער עס וועט האַלטן אַן אַראַבער ביי דער אַרבעט, ווער עס וועט קויפן ביי אַן אַראַבער און ווער עס וועט אַריבערלאָזן אַן אַראַבער איבער זיין שוועל, זאָלן קומען אויף אים די קללות פון דער תוכחה".

און דאָ רעכנט גלייך גרינבוים אויס עטלעכע קללות פון דער תוכחה, וועלכע דאַרפן קומען אויף די, וועלכע וועלן נישט טון דאָס, וואָס דער ציוניזם פאָדערט.

אַרויסגייענדיק פון בית־עם, זוך איך דעם יונגנמאַן, וועל־כער האָט מיך געפרעגט: „ווי געפעלט אייך דער יידישער קוואַ?" אין דעם קומט ער צו און זאָגט מיר: „איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס מיר האָבן אַלע טאָג „היימלעך" אַהיימפאָרנדיק פון דער אַרבעט?"

„איך האָב דערקאָנט אין אייך — זאָג איך — עפּעס אַ באַ־קאַנט פּנים, אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען פון וואַנען איך קען אייך. איצט דערמאָן איך זיך, אַז מיר פאָרן יעדן טאָג צוזאַמען אין אויטאָ צו דער אַרבעט און צוריק; הייסט עס— גיב איך צו — אַז מיר אַרבעטן אויף איין אַרבעטס־פּלאַץ".

„יאָ — זאָגט ער — אויף איין אַרבעטס־פּלאַץ, אָבער דער אַרבעטס־פּלאַץ איז זייער גרויס און דעריבער זעען מיר זיך נישט ביי דער אַרבעט. איר ווייסט — זאָגט ער ווייטער — איך האָב אייך ביי דער אַרבעט שוין עטלעכע מאָל געזוכט און איך וועל אייך איצט מאַכן אויפמערקזאַם, איר דאַרפט נישט נאָכ־אַמאָל רעדן אַזעלכעס, וואָס איר האָט די וואָך געזאָגט די חלוצים. איך מיין דאָס, וואָס איר האָט זיי פאָרגעהאַלטן, אַז זיי האַנ־דלען נישט ריכט־ק לגבי די אַראַבישע אַרבעטער ביים אַהיימ־פאָרן, ביי דער אַרבעט — גיט ער צו — האָט מען שוין וועגן אייך גערעדט, אַז איר מוזט זיין געכאַפּט אין דער מעשה..."

„וואָס אַ שטייגער האָט מען וועגן מיר גערעדט?" — פרעג איך אים".

„דער עיקר האָבן זיי געזאָגט, אַז מ׳דאַרף זען מיט וועמען איר קומט זיך צוזאַמען".

„נו, מילא – זאָג איך – דאָס אַרט מיך גאָרנישט. עס אַרט מיך מער, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן צווישן אַזעלכע אויסוואורפן, ווי זיי זענען".

„גלויבט מיר – זאָגט דער יונגערמאַן – אַז זיי זענען נישט מער ווי אַ תּינוק שנשבה, און ס׳איז גאָר קיין וווּנדער נישט, ווייל זייער אָפּט קומען צופאָרן די ציוניסטישע גדולים האַלטן פאַר זיי העץ־רעפּעראַטן. אָט אַ שטייגער האָבן מיר היינט געהאַט „קוזאַן". ערשט נישט לאַנג איז דאָ געווען בן־גוריון און ער האָט נישט בעסער גערעדט פון גרינבוימען".

„האָט כאָטש בן־גוריון געפּעפּערט זיין רעפּעראַט מיט אַ ביסל סאָציאַליזם?" – פרעג איך אים.

„סאָציאַליזם – זאָגט ער – איז געווען צום סוף. נאָכן אָפּרעדן צוויי שעה אַ עקלהאַפטע פּראָזעלאָגיע, האָט בן־גוריון געענדיקט זיין דרשה ווי אַן „אמתער" סאָציאַליסט... עס וועט קומען אַ צייט – האָט בן־גוריון געענדיקט זיין רעפּעראַט – ווען דער באָדן וועט געהערן צו די, וואָס באַאַרבעטן אים. נאָר אָך און ווי וועט זיין, ווען אין יענער צייט וועלן נאָך די אַראַבער דעם באָדן באַאַרבעטן".

„נו – זאָג איך – דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע, וואָס בן־גוריון קאָן".

„זיכער קאָן ער „בעסערע" דרשות האַלטן – זאָגט ער – אָבער דאָ האָט ער גערעדט פאַר אַ אַרבעטער־אוידיטאָריע. וואָס ווילט איר? – גיט ער צו – אפשר האָט ער געדאַרפט ביי אַרבעטער זאָגן: „ווער עס האַלט אַן אַראַבישן אַרבעטער איז ערגער, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ שאַנד־הויז"?

„ניין – זאָג איך צו אים – אַזעלכעס זאָגט ער נאָר די פּרדסנים".

נאָכן אָפּאַרבעטן אין פּרדס צוויי וואָכן מיט אַן איבעררייס פון רעגנס, האָט דער פּרדסן מיר באַרעכנט די אַרבעטסטעג נאָר צו 15 פּיאַסטער אַ טאָג, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז

אויף די אויסלענדישע בערזעס זענען די פּרייזן אויף מאַראַנצן געפאַלן מיט עטלעכע פּיאַסטער אויף אַ קעסטל.

אין חדרה האָב איך באַקומען פּאַרונקעלס*). צוליב דעם האָב איך געמוזט פאָרן צוריק קיין תל-אביב זיך היילן, און פון די פאָר פּיאַסטער, וועלכע איך האָב פאַרדינט, האָב איך אַ העלפט געמוזט איינצאָלן אין „קופת חולים".

11

אין געריכט. — 21 טעג אַרעסט. — דער שונאי-ציוניק. — דער אַרעסטאַנט זשאַבדע. — אַ שומר פון הרצליה. — די „העבּרעע" גנזעלשאַפט. — איך ווער פריי.

אין דער צייט פון מיין היילן זיך באַקום איך אַן אויפ-פאָדערונג פון געריכט, אַז איך זאָל זיך צושטעלן צו אַ משפּט פאַר נישט באַצאָלן אַ חוב פון דריי פונט (אויף וועלכן איך האָב אין דער צייט ווען איך האָב אין דזשעדאַ געאַרבעט איינגעצאָלט איין פונט אַ קאָנטע אויף דעם חוב).

געקומען אין געריכט, פרעגט מיך דער ריכטער פאַרוואָס איך וויל נישט באַצאָלן דעם חוב און צי איך וויל איצט באַ-צאָלן, ווייל אין קעגנפאַל וועל איך מוזן אָפּזיצן אין תפיסה 21 טעג.

איך ענטפער דעם ריכטער, אַז איין פונט האָב איך שוין אויף דעם חוב איינגעצאָלט און אַז איך וועל נאָר אַרבעט באַ-קומען, וועל איך אויך דעם רעשט באַצאָלן. נאָר איצט בין איך קראַנק און אַרבעטסלאָז און איך האָב נישט אין מיין פאַרמעגן מער ווי צוויי פּיאַסטער; און פאַרוואָס — פרעג איך — קומט מיר תפיסה, האָב איך דען געגנבעט אָדער וועמען געהרגעט?

דער ריכטער וויל מיינע פאַרטיידיקונגס-ווערטער נישט נעמען אין אַכט און פאַרמשפּט מיך אויף 21 טעג אַרעסט. (ער משפּט מיך לויטן אַלטן טערקישן געזעץ, אַז ווער ס'האָט נישט צו באַצאָלן, מוז אָפּזיצן אין תפיסה).

גלייך נאָכן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, האָט מיך אַ געריכטס-באַאַמטער איבערגעפירט אין יפוער תפיסה אָפּזיצן די שטראָף.

*) פּאַרונקעלס — אזעלכע געשווירן, אַ געמיש פון בלוט און מאַטעריע.

אַריינקומענדיק אין תפיסה־קאַנצעלאַריע האָט מען מיך רעווידירט פון קאָפּ ביז פיס און מען האָט ביי מיר קאָנפיס־קירט די צוויי פּיאַסטער, וועלכע איך האָב געהאַט אין מיין פּאַרמעגן, ווי אויך די פּייקע מיטן טאַבאַק.

נישט ווײַסנדיק, אַז אין פּאַלעסטינער תפיסה טאָר מען נישט רייכערן, האָב איך פּראָטעסטירט, פּאַרוואָס מען נעמט ביי מיר צו דעם טאַבאַק.

אַלס ענטפער אויף מיין פּראָטעסט האָט מיר דער ענגלי־שער אויפזעער פון תפיסה געגעבן אַ פּאָר גוטע קלעפּ מיט אַ גומי־שטעקן און מיך געהייסן אָפּפירן אין קאַמער אַריין.

אַ שליש*) האָט מיך אַריינגעפירט אין דער תפיסה־צעלע. פירנדיק מיך, זאָגט ער „מושי קויעס אַנגליז". **)

איך האָב געזען אין זיינע ווערטער „מושי קויעס אַנגליז" דעם ערשטן מענטש, וועלכער האָט מיטלייד מיט מיר פאַר די בחינמדיקע קלעפּ, וואָס איך האָב באַקומען פון ענגלענדער.

איך בין אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ קאַמער, וועלכע האָט געהאַט אַ מעטער פופציק די ברייט און פיר מעטער די לענג, און דער שליש האָט פאַרשלאָסן די טיר מיט אַ גרויסן ענגלישן שלאָס.

נאָכן צושליסן די אייזערנע קראַטן־טיר פאַר מיין נאָז, בין איך געבליבן שטיין אַ צעמישטער, נישט גלייבנדיק אַלץ, אַז איך בין אויף אַן אמת אַרעסטירט.

ערשט אַז די רעשט אַרעסטאַנטן פון צימער האָבן מיך אָנגעהויבן פרעגן די סיבה פון מיין אַרעסט, האָב איך ערשט באַמערקט, אַז אין דער זעלבער קאַמער געפינען זיך נאָך זעקס אַרעסטאַנטן.

איבערגעבנדיק די אַרעסטאַנטן די סיבה פון מיין אַרעסט, בין איך ערשט געקומען צו זיך און אָנגעהויבן שלום מאַכן מיט מיין גורל.

פון די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, האָב איך זיך דערוווּסט וועמען איך האָב פאַר מיטזיצערס.

*) שליש — אַ פּריוויליגירטער אַרעסטאַנט.

**) מושי קויעס אנגליז — אַ ענגלענדער איז אַ נישט־גוטער.

איינער זיצט פאַר פעלשן טשעקן. צוויי — פאַר האָמאָסעקסואַליזם. דער פערטער — פאַר נישט צאָלן אַ וועקסל, אַ פינפטער ווידער פאַר גנבענען אַ פאַטעפאָן, און פון דעם זעקסטן האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוויסן די סבה פון זיין אַרעסט.

דער טשעקיסט *) האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דעם „זעקסטן" איז נישט כדאי צו רעדן, ווייל ער איז אַ שונא־ציוניק.

בשעת דעם געשפרעך מיט די אַרעסטאַנטן האָט זיך געעפנט די טיר און מען האָט אונדז געהייסן אַרויסגיין אויף „פּוסכאַ". **)

אויפן הויף טרעף איך דאָרט איבער הונדערט אַרעסטאַנטן יידישע און אַראַבישע.

מיר שפּאַצירן אַרום אין הויף אַ מינוט צען, דערנאָך הייסט מען אונדז אַנידערקניען, און יעדער באַקומט אַ שיסעלע זופּ מיט צוויי שטיקלעך קוקורוזע־ברויט.

ווען איך הייב אָן צו עסן דאָס ברויט, זאָגט צו מיר דער דערנעבנדיקער אַרעסטאַנט: „עסט יעצט בלויז די זופּ, דאָס ברויט איז איינס אויף אָוונט־ברויט און איינס אויף מאָרגן — פרישטיק. אַז איר וועט אַלץ יעצט אויפעסן, וועט אייך אויסקומען ביז מאָרגן אין דער דאַזיקער צייט צו פאַסטן".

איך קוק זיך אַרום און איך זע, אַז פאַקטיש עסן די אַרעסטאַנטן נאָר די זופּ, און דאָס ברויט — נישט, און איך באַהאַלט אויך דאָס ברויט, נישט קוקנדיק, וואָס דאָס שיסעלע זופּ האָט מיך ווייט נישט געזעטיקט.

נאָכן עסן האָט יעדער אַרעסטאַנט באַקומען צוויי אַלטע קאָצן מיט אַ צעריסענער שמאַטע אַלס צודעק, און מיר האָבן געמוזט צוריק אַריינגיין אין דער קאַמער אַריין.

אין דער צעלע האָט זיך מיר געוואָלט שטאַרק רייכערן, אָבער עס איז נישטאָ קיין טאַבאַק אויף אַ רפואה. די אַרעסטאַנטן ווייזן מיר, ווי אַזוי צו מאַכן פון די קאָצן אַ געלעגער.

מיין געלעגער איז אויסגעקומען דאָס לעצטע, האַרט ביי

---

*) טשעקיסט — דער וואָס איז געזעצן פאַר פעלשן טשעקן.

**) פּוסכאַ — שפּאַציר פאַר אַרעסטאַנטן.

דער נאַכט־שיסל, וועלכע איז געשטאַנען אויפן פּאָל, ווען ווער פון די אַרעסטאַנטן וועט דאַרפן טון אַ מענטשלעך־נאַטירלעכן גע־ברויך.

נאָכן אַפּליגן עטלעכע שעה אויף מיין געלעגער האָט מיר אָנגעהויבן דער קאָפּ ווייִ צו טון פון געשטאַנק, וואָס איז געקו־מען פון דער נאַכט־שיסל, און כ'האָב אויך אָנגעהויבן צו פילן אַ בייסעניש פון וואַנצן און לייז.

ווען איך וויל זיך אויפהייבן פון דעם „פיינעם" געלעגער זע איך, אַז די גאַנצע פּאָדלאָגע איז אויסגעלייגט מיט דער רעשט אַרעסטאַנטן, און עס איז נישטאָ ווו זיך אַרומצודרייען.

איך באַטראַכט די ליגנדיקע אַרעסטאַנטן, און עס מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי קברים אויף אַ בית־עולם. די געלע־גערס זענען איינס ביי דעם צווייטן אויף דער פּאָדלאָגע אויס־געלייגט, און אַלע זענען צוגעדעקט מיט די קאָצן פון ערד־קאָליר.

שלאָפן די ערשטע נאַכט איז נישט געווען קיין מעג־לעכקייט. איך האָב זיך געדרייט אויף מיין געלעגער פון איין זייט אויף דער צווייטער און כ'האָב זיך דערמאָנט וועגן מיין באַזוך אין „אחוזה". געטראַכט האָב איך, אַז סוף־כל־סוף איז נאָך אין תפיסה דאָ מער מענטשלעכקייט, ווי עס כאַרמאָגט מיין בן־עיר כץ, ווייל „הער" כץ האָט מיר בלויז געגעבן צוויי צייטונגען אונטערצולייגן אויף דער פּאָדלאָגע, און דאָ האָב איך באַקומען צוויי קאָצן מיט אַ שמאַטע אַלס צולאָג.

צומאָרגנס זעקס פרי האָט מען אונדז אַלע אַרויסגעלאָזט אויף שפּאַציר. אויף דעם הויף האָבן מיר זיך אויך אַרומגע־וואַשן מיט וואַסער.

נאָכן אָפּוואַשן זיך האָב איך ערשט דערפילט, אַז איך האָב נישט קיין האַנטוך און קיין ציין־בערשטל.

איך האָב זיך געווענדעט צו דעם אַזוי גערופענעם שונא־ציוניק פון אונדזער צעלע, אַז ער זאָל מיר דערלויבן אָפּווישן דאָס פנים אין זיין האַנטוך און אַזוי אַרום האָב איך געוואָלט מיט אים פאַרפירן אַ געשפּרעך מכוח זיין אַרעסט.

צוריקגעבנדיק דאָס האַנטוך האָב איך אים געפרעגט, וואָס איז די סיבה פון זיין אַרעסט ?

„די סיבה — זאָגט ער — איז אַ גאַנץ פּשוטע, איך בין נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, וועלכער פאַדערט גערעכטיקייט".

„וועלכע גערעכטיקייט — פרעג איך — האָט איר געפאָדערט און ביי וועמען?"

„ביי וועמען, פרעגט איר? ביי אונדזערע הסתדרותישע פאַרזאָרגער".

„אויב אַזוי — זאָג איך — בין איך אייך שוין נישט מקנא, ווייל איך האָב זיי שוין דערקענט".

„און לעגאַל זענט איר אין פּאַלעסטינע? — פרעגט ער מיך".

„יאָ — זאָג איך — איך בין געקומען אויף אַן אויספאָדערונג. און איר זענט נישט לעגאַל?"

„נישט דאָס — זאָגט ער — איז דער עיקר, נאָר — בעסער, אַז מען רעדט וואָס ווייניקער..."

„וואָס — זאָג איך — איר האָט מורא מיט מיר צו רעדן? איר האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן".

„ניין — זאָגט ער — אין תפיסה איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַרעסטירן וועט מען מיך שוין נישט".

„נאָר וואָס דען זאָגט איר, אַז עס איז בעסער, ווען מען רעדט וואָס ווייניקער? איך — זאָג איך — בין אַ אַרבעטער, וועלכער האָט שוין נישט איינמאָל געהאַט צו טון מיט די „הסתדרותישע" פירער און יעצט שטיי איך פאַר אַ „הסתדרותישן" משפט פאַר אַגיטירן אַרבעטער, זיי זאָלן נישט גיין אויף פּיקעטן. און אפשר מיינט איר — גיב איך צו — אַז איר האָט צו טון מיט אַ ציוניסט, טאָ האָט איר אַ גרויסן טעות".

„אין אייער רעדן — זאָגט ער — זע איך, אַז איר זענט אַן אַרבעטער, און פאַר אַרבעטער, איז טאַקע נישט גילטיק דער כלל: וואָס ווייניקער רעדן איז בעסער. אָבער אַנטשולדיקט, איך בין דאָך נישט קיין נביא, כ'זאָל וויסן ווער איר זענט".

„אַלזאָ — זאָג איך — יעצט ווייסט איר דאָך שוין, אַז איך בין אַן אַרבעטער און כ'וואָלט גערן געוואָלט פון אייך הערן די סיבה פון אייער אַרעסט".

„די סיבה — הייבט ער אָן דערציילן — איז פאָלגנדע:
זייענדיק אויף אַ פאַרזאַמלונג אין „הסתדרות", האָב איך אַלס מיטגליד פון דער סעקציע אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אַז מ'זאָל די אַרבעטלאָזע געבן אַ געוויסע אונטערשטיצונג, כּדי זיי זאָלן נישט וואַרפן די פּרייזן פון אַרבעט-לוין.

דער סעקרעטאַר האָט אויף מיין פאָרשלאַג געענטפערט, אַז מיר טאָרן נישט געבן קיין אַרבעטלאָזע-אונטערשטיצונג, ווייל מיר פאָדערן אַ פאַרגרעסערטע עליה, און דאָס טיילן אַזאַ אונטערשטיצונג קאָן קאַלע מאַכן פיל פון אונדזערע פאָדערונגען.

איך האָב דערויף דעם „הסתדרותישן" סעקרעטאַר געענטפערט, אַז עס גייט אין יעצטיקן מאָמענט נישט וועגן עליה, נאָר וועגן אונטערשטיצן די אַרבעטלאָזע, ווייל עס פילט זיך שוין אַ ירידה פון די לוין-פּרייזן, און מיר טאָרן דעריבער נישט אַריבערגיין צום טאָג-אָרדענונג מיט דעם ענטפער פון דעם סעקרעטאַר.

צוויי טעג נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון „הסתדרות" — דערציילט ער ווייטער — זענען צו מיר צוגעקומען צוויי אַגענטן און מיך אַרעסטירט אַלס אומלעגאַלער".

„איר זענט דאָך — זאָג איך — אַן אומלעגאַלער".

„ אָבער — זאָגט ער — מיך האַלט מען נישט נאָר, ווייל איך בין אומלעגאַל, נאָר ווייל מ'האָט אָנגעוויזן אויף מיר אַלס שעדלעכן עלעמענט, וועלכער שטערט דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים".

„וואָס — פרעג איך — האָט מען אייך געזאָגט ביים אַרעסטירן?"

„באַלד — זאָגט ער — וועט זיין באַכּוראַ *) וועט איר קאָנען זען".

„וואָס הייסט דאָס? איך פאַרשטיי אייך נישט" — זאָג איך צו אים.

*) באַכּוראַ—באַדן זיך (אויף אראַביש).

„מיר — זאָגט ער — וועלן זיך באַלד גיין באָדן, וועט איר קענען זען די בלאָע צייכנס אויף מיין קערפּער".

אין מיטן אונדזער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט די צייט פון שפּאַציר, און מיר האָבן געמוזט צוריק אַריינגיין אין די קאַמערן.

אַריינקומענדיק אין דער צעלע, באַטראַכט איך דעם קרבן פאַר פאַדערן אַרבעטלאָזע-אונטערשטיצונג, און עס פעלט מיר ווערטער אויסצודריקן אים מיין מיטלייד.

נאָכן זיצן אין דער צעלע אַ קורצע צייט עפנט דער שאַויש די טיר און הייסט אַלעמען אַראָפּגיין צו באַכוראַ. איך גיי גלייך מיט אַלע, און כ'הייב זיך אָן צו דרייען אַזוי, אַז עס זאָל מיר אויסקומען צו זיין מיט דעם אַזוי גערופענעם שונא-ציוניק אונטער איין פרישניץ.

אונטער דעם פרישניץ ווייזט ער מיר זיינע בלאָע צייכנס פון צוזאַמענגעלאָפן בלוט אויף דעם טייל קערפּער וווּ מען דאַרף זיצן...

„שרעקלעך, — זאָג איך — עפּעס ענלעכס האָב איך געזען בלויז אויף אַ בילד. איר — פרעג איך — האָט זיך נישט געהייסן אונטערזוכן צי עס האָט אייך נישט עפּעס געשאַדט אינערלעך פון די קלעפּ?"

„יאָ — זאָגט ער — אין תל-אביב נאָכן באַקומען די פּאַרציע האָב איך פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל רופן צו מיר אַ דאָקטאָר מיך אונטערזוכן, האָבן זיי (די אַגענטן) געענטפערט, אַז פאַר אַזעלכע, וועלכע פאָדערן אַרבעטלאָזע-אונטערשטיצונג איז נישטאָ קיין מעדיצינישע אונטערזוכונג".

איך האָב מיין פרישן חבר גאַרנישט געקאָנט העלפן, איך האָב אים בלויז געקאָנט העלפן מיט אַ קרעכץ און מיט עטלעכע מיטגעפיל-ווערטער, צוזאָגנדיק אים גלייכצייטיק, אַז ביי אַ געלעגנהייט וועל איך די געשיכטע איבערגעבן אין דער עפנטלעכקייט.

נאָך עטלעכע טעג זיצן אין תפיסה האָט מען עטלעכע מאָן פון אונדזער צעלע איבערגעפירט אין דער צענטראַל-תפיסה אין ירושלים.

נאָר לאַנג איז אונדז נישט באַשערט געווען צו זיין אין גרוימקייט. דעם צווייטן טאָג האָט מען אין אונדזער קאַמער אַריינגעבראַכט פירישע פיר מאַן, וואָס צוויי פון זיי האָב איך געקאָנט אַלס מיטגלידער פון „הסתדרות".

פון די צוויי באַקאַנטע „הסתדרות"-חברים דערוויס איך זיך אָט וואָס: אַרעסטירט זענען זיי געוואָרן אין אַן אַראַבישער דרוקעריי, אין וועלכע זיי האָבן געלאָזט דרוקן אַן אויפרוף צו די שוואַרצע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן פאָדערן פון „הסתדרות" אַ גערעכטע אַרבעט - פאַרטיילונג לויט דער רייע, און עס זאָל נישט הערשן קיין פּראָטעקציע. און פון די צוויי, וועלכע זענען צוזאַמען מיט זיי געקומען, איז איינער דער אינהאָבער פון דער דרוקעריי — זשאַברע, און דער צווייטער איז זשאַברעס אַ ברודער, ער האָט זיך צופעליק געפונען אין דער דרוקעריי ווען די ציוניסטישע פּאָליציי איז אַריינגעקומען.

אין מיטן אונדזער רעדן האָט מען צוגעבראַכט אַ פרישן אַרעסטאַנט. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז ער איז געווען אַ שומר פון הרצליה, און אַרעסטירט האָט מען אים פאַר ביגאַמיע.

זייענדיק יעצט מיט אַכט מאַן אין דער צעלע, איז מיין לאַגע שוין אַ פיל בעסערע, ווייל עס איז מיר שוין נישט אויסגעקומען צו ליגן נעבן דער נאַכט-שיסל, נאָר מיין פּלאַץ איז יעצט געווען אין מיטן צימער.

נאָכן באַקאָנען זיך מיט דעם אַראַבישן דרוקער זשאַברע, וועלכער מאַכט אַ גוטן איינדרוק און פאַרמאָגט פיל אינטעליגענץ האָבן מיר די צייט זייער גוט פאַרבראַכט.

צומאָרגנס האָט מען דעם דרוקער געבראַכט עסן פון זיין היים. ער האָט דאָס עסן פאַרטיילט פאַר אַלע גלייך. נאָר דער שומר פון הרצליה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן פון דעם יידן-פיינט זשאַברע.

זשאַברע הערנדיק, אַז דער שומר רופט אים יידן-פיינט, האָט ער זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, ער איז צוגעגאַנגען צום שומר און געזאָגט, אַז ער זאָל זיך מיט אים אָוועקזעצן און אים

אויסהערן רויק עטלעכע מינוט, דאַן וועט ער זען, ווער עס איז אַ יידן־פיינט.

דער שומר האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט הערן, וואָס זשאַבּרע רעדט צו אים, דאָך האָט ער זיך שפּעטער געלאָזט באַאיינפלוסן, ער מיט די רעשט אַרעסטאַנטן פון דער צעלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט, און זשאַבּרע האָט רויק און געלאַסן אין אַ שיינער העברעיִשער אויסשפּראַך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „ליידער געפינען זיך יעצט נישט ביי מיר די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן וועגן פּאַלעסטינע און וועגן ציוניזם, און איך וועל זיך מוזן באַגנוגענען בלויז מיט דעם, מיט וואָס דער זכרון וועט מיר דינען. אַלזאָ, כדי זיך נישט אַריינצולאָזן אין אומנויטיקע דיסקוסיעס, וועל איך זיך יעצט פאַררופן נאָר אויף די ציוניסטישע עקאָנאָמיסטן און סטאַטיסטיקער.

„דאָס איז געווען — זאָגט זשאַבּרע — אויף איינעם פון די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. ד״ר רופּין האָט געהאַלטן זיין רעפעראַט וועגן דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. ד״ר רופּין האָט באַטאָנט און אונטערגעשטראָכן, אַז צו באַזעצן אַ פאַמיליע אויף באָדן אין פּאַלעסטינע באַדאַרף מען האָבן 72 דונאַם, און אַ ביישפּיל האָט ד״ר רופּין געבּרענגט פון נהלל, אַז דאָרט האָט אַ פאַמיליע צו 72 דונאַם, און זיי לעבן זיך שוין אויס אָן קצבה.

איך וועל זיך יעצט מיט ד״ר רופּין נישט אַריינלאָזן אין וויכּוחים, ווייל ד״ר רופּין ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין נהלל האָט אַ פאַמיליע 110 דונאַם, נישט 72 דונאַם.

אַלזאָ, ד״ר רופּין האָט אָנגעגעבן — זאָגט זשאַבּרע — כמעט צוויי דריטל פון דער ריכטיקער צאָל. שוין נישט רעדנדיק, אַז מיט די 110 דונאַם איז נאָך אין נהלל גאַנץ ווייט פון צו זיין פויגלדיק, אָבער, כדי נישט צו דיסקוטירן, וועלן מיר אָננעמען ד״ר רופּינס הנחה, אַז צו באַזעצן אַ פאַמיליע אויף באָדן אין פּאַלעסטינע איז גענוג 72 דונאַם.

די ציוניסטישע סטאַטיסטיק — זאָגט זשאַבּרע ווייטער — גיט אויף, אַז אין פּאַלעסטינע איז דאָ קנאַפּע צוואַנציק מיליאָן דונאַם באָדן, אָבער עטלעכע קאָמיסיעס האָבן שוין פעסטגעשטעלט,

אַז אַ העלפט פון דעם באָדן איז אומפעיק באַארבעט צו ווערן, ווייל דער באָדן איז פון שטיינערדיקע בערג, האָבן מיר נאָר אין פאַלעסטינע אומגעפער צען מיליאָן דונאַם, וועלכע זענען צום באַארבעטן. נו, יעצט קאָנען מיר צוקומען צום סך־הכל: אין פאַלעסטינע איז אין היינטיקן טאָג פאַראַן — לויט דער ציוניסטישער סטאַטיסטיק — 900 טויזנט אַראַבער און 350 טויזנט יידן, צוזאַמען האָבן מיר אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט און פופציק טויזנט מענטשן, ד. ה., אַז אין פאַלעסטינע געפינען זיך שוין היינט צו טאָג 415 טויזנט פאַמיליעס, און ווען מיר זאָלן זיך רעכענען מיט די אַנגענומענע עקאָנאָמישע פעסטשטעלונגען אין דער וועלט, ווייסן מיר, אַז אַ לאַנד, וואָס האָט נישט 45 פראָצ. אַגראַר־באָדן, קעמפט שווער און ביטער וועגן זעלבסט־אויסקום אין דער הינזיכט פון לעבנס־מיטלען. נעמען מיר אַ ביישפּיל דייטשלאַנד: דייטשלאַנד האָט 37% אַגראַר־באָדן און זי פיניקט זיך מיט דעם אַזוי געררופענעם זעלבסט־אויסקום, דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז דייטשלאַנד שפּייזט נאָך אַפילו היינט צו טאָג אַ גרויסן טייל וועלט מיט מאַשינען, וועלכע ברענגען איר אריין מיליאָנען מאַרקן יערלעך פון דעם עקספּאָרט. די לאַגע אין פאַלעסטינע איז ליידער אַזעלכע, אַז מיר האָבן נישט — אויסער מאַראַנצן — וואָס צו עקספּאָרטירן.

ווי איך האָב שוין געזאָגט — זאָגט זשאַבאָטינסקי ווייטער — געפונען זיך אין פאַלעסטינע יעצט 415 טויזנט פאַמיליעס. און 45 פּראָצ. דערפון וועט זיין 186 טויזנט פאַמיליעס, און ווען מיר זאָלן אָננעמען ד״ר רופּינס רעפעראַט, אַז 72 דונאַם איז גענוג פאַר אַ פאַמיליע, קומט אויס, אַז פאַלעסטינע האָט לויט די ציוניסטישע סטאַטיסטיקער שוין אין איצטיקן מאָמענט אַן איבערפלוס פון מער, ווי הונדערט טויזנט מענטשן, ד. ה. מער, ווי דאָס לאַנד קען פאַקטיש אויפנעמען. אַלזאָ, וואָס שרייט בן־גוריון, אַז אין די נאָענטסטע פינף יאָר וועט מען קאָנען אַריינברענגען פרישע צוויי מיליאָן יידן, און זשאַבאָטינסקי וויל דורכויס פינף מיליאָן יידן אַריינברענגען אין די נאָענטסטע פינף יאָר. ווילן זיי דען נישט די יידן אין דער וועלט פאַרטושן מיט זייער נאַרישן געפילדער וועגן די פאַקטישע אויפנאַמס־מעגלעכקייטן פון פאַלעסטינע?

אָבער דערלויבט מיר — זאָגט זשאַבּרע ווייטער — זיך צו פאַררופן אויף נאָך איינעם פון די גרויסע יידישע עקאָנאָמיסטן; זיין נאָמען איז יעקב לעשטשינסקי. יעקב לעשטשינסקי גיט אָן, אַז דער צופלוס ביי יידן אין דער וועלט אין איין יאָר — נאָכן אַראָפּרעכענען די טויטפאַלן — איז 170—180 טויזנט, און וואָס זעען מיר? אין די לעצטע יאָרן האָט די ציוניסטישע עליה געמאַכט פאַרשריט, און אין דעם לעצטן יאָר וועט די עליה, ווי מיר רעכענען — די לעגאַלע און די אומלעגאַלע, — דערגרייכן ביז 75 טויזנט מאַן. און ווען פּאַלעסטינע האָט איינמאָל אין דער ציוניסטישער עליה-געשיכטע אַריינגעבראַכט אַ דריטל בלויז פון יידישן צוּוואוקס — און דאָס אין אַ צייט פון פּראָספּעריטי — האָט שוין די זייפן-בלאָז געמוזט פּלאַצן. און ווי אַזוי שטעלט זיך דער ציוניזם פאַר צו לעזן די יידן-פראַגע, אַז זאָגאַר איינמאָל אין דער ציוניסטישער עליה-געשיכטע איז דאָס לאַנד נישט פעיק אַפילו אויפצונעמען איין דריטל פון דעם בלויזן יידישן צוּוואוקס. און ווייל מיר — ענדיקט זשאַבּרע — באַטראַכטן דאָס פּראָבּלעם רעאַל, דעריבּער זענען מיר יידן-פיינט?"

איך האָב באַטראַכט זשאַבּרען און איך האָב זיך אויך אַרומגעקוקט אויף די אַנדערע אַרעסטאַנטן, ווילנדיק זען און דערגיין, וואָס פאַר אַ איינדרוק עס האָבּן אויף זיי געמאַכט זשאַבּרעס לעצטע ווערטער: „דעריבּער זענען מיר יידן-פיינט?" נאָר דער שומר פון הרצליה האָט פּלוצים געשטערט די טויטע שטילקייט, וואָס האָט יעצט געהערשט אין קאַמער. ער פרעגט זשאַבּרען „אַז איר זענט נישט קיין יידן-פיינט, פאַרוואָס האָט איר פּאַגראָמירט די יידן אין פּאַלעסטינע אין 1929 יאָר?"

„אַנטשולדיקט — זאָגט זשאַבּרע — אין 1929-טן יאָר איז נישט געווען קיין פּאָגראָם אין פּאַלעסטינע, נאָר אַן אויפשטאַנד פון די פּאַלעסטינער אַראַבער קעגן די ענגלישע און ציוניסטישע אונטערדריקער, און דאָס איז נישט געווען דער ערשטער און נישט דער לעצטער אויפשטאַנד. און אַזוי לאַנג ווי דער ציוניזם וועט זיין — און ער מוז עס זיין — דער צוהעלפער פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, וועלן אין יעדן אויפשטאַנד אין פּאַ-

לעסטינע פאַלן אומשולדיקע יידן, און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קרבנות זענען נישט מיר, נאָר דער ציוניזם".

„ערשט נישט לאַנג — זאָגט זשאַברע ווייטער – איז אין שכנותדיקן סיריע געווען אַן אויפשטאַנד קעגן דעם פראַנצויזישן אימפעריאַליזם. דאָס גאַנצע סירישע פאָלק האָט געפיבערט אין אויפשטאַנד, און אין סיריען זענען אויך דאָ יידן, צי האָט מען אָנגערירט אַ האָר אין קאָפּ בײַ אַ יידן אין דער צייט פון אויפשטאַנד? פאַרקערט, דער אויפשטאַנד איז געווען אַ בשותּפותדיקער פון די סירישע אַראַבער און יידן, ווייל דאָרט איז נישטאָ קיין באַלפור-דעקלאַראַציע, דעריבער האָבן די יידן צוזאַמען מיט דער גאַנצער סירישער באַפעלקערונג געהאַלטן געשלאָסן 49 טעג די געשעפטן. ווען מיר אַראַבער זאָלן רופן אין פאַלעסטינע צו שליסן די געשעפטן אויף אַ געוויסע צייט אַלס פראָטעסט קעגן דעם ענגלישן אימפעריאַליזם, וועלן דאָך די ציוניסטן זיין די, וועלכע וועלן דעם שטרייק מיט אַלע כוחות צעברעכן, נישט בלויז מיט דעם, וואָס זיי וועלן האַלטן אָפן זייערע געשעפטן, נאָר זיי – די ציוניסטן — וועלן נאָך פאָדערן פון דער מאַנדאַטן-מאַכט, אַז מען זאָל אונדז צווינגען אונדזערע געשעפטן צו עפענען, ווייל אין אינטערעס פון ציוניזם איז אָפּצושוואַכן דעם אַראַבישן כוח אין פאַלעסטינע ווי אויך אין נאָענטן אַראַביען. און ווען עס פאַלן יידישע קרבנות אין פאַלעסטינע איז נישט קיין אַנדערער דערין שולדיק, נאָר דער ציוניזם אַליין. דער ציוניזם שטערט פאַלעסטינעס אומאָפּהענגיקייט, און דעריבער זענען די אַראַבער אין פאַלעסטינע און די אַרומיקע אַראַבישע שכנים די שונאים פון ציוניזם, אָבער נישט די שונאים פון יידן, ווייל מיר ווייסן אַז דער ציוניזם איז נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון יידנטום, און אַפילו דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט דאָס באַוויזן. אין אַ צייט, ווען די ציוניסטישע אַזוי גערופענע פראָספעריטי האָט פאַרבלענדעט אַפילו פיל פון דער נישט-יידישער וועלט, האָט דער קאָנגרעס נישט געקאָנט אָנציען קיין מיליאָן שקלים, און ווען די ציוניסטן וואָלטן נישט געצוווּנגען צו נעמען שקלים מיט טעראָר, אַז מ'וועט אַרויסוואַרפן פון אַרבעטס-

פּלאַץ, וואָלט זאָגאָר דאָ אין פּאַלעסטינע נישט פאַרקויפט גע-וואָרן אַ העלפט פון די שקלים, שוין נישט רעדנדיק, אַז אין אויסלאַנד ווערן מאַסן שקלים געטיילט אומזיסט, און די יידי-שע מאַסן זאָגן זיך אָפּ צו נעמען די שקלים אַפילו בחינם. און וויפיל פאַלן איז געווען אין תל-אָביב, חיפה, ירושלים, פתח-תקוה און אַנדערע פּונקטן אין לאַנד, וואָס יידישע אַרבע-טער האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס-פּלעצער, ווייל זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט קויפן דעם שקל און...״

נאָר דאָ האָט שוין דאָס שומרישע געוויסן נישט גע-קאָנט מער שווייגן. ער האָט אָנגעהויבן שרייען: „ס'אַליגן, ס'אַליגן, מען טיילט נישט שקלים בחנם! איך אַליין באַ-צאָל יעדעס יאָר פאַר מיין שקל! איר טראַכט זיך אַלץ אויס! זיכער האָט ד״ר רופּין נישט געזאָגט, אַז מען דאַרף 72 דונאָם פאַר אַ פאַמיליע און אַ יעקב לעשינסקי (ער האָט נישט געקאָנט ריכטיק נאָכזאָגן דעם נאָמען) איז אַוודאי נאָך נישט גע-בוירן געוואָרן, איר טראַכט זיך אַלץ אויס. איך וועל אייך שוין ווייזן, ציגאַרעטן וועט איר מער שוין נישט רויכערן!״

פון דעם שומרס געוואַלדן זענען געקומען צו לויפן די תפיסה-וועכטער און זיי האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע אין אונ-זער צעלע, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געפונען. זיי האָבן גע-געבן אַ באַפעל עס זאָל זיין רויק, אין קעגנפאַל וועלן זיי אונז איבערפירן אין קאַרצער.

צומאָרגנס איז געקומען אַ באַפעל, די פרישע פיר אַרעס-טאַנטן צו באַפרייען, ווייל דער אויפרוף, וועלכן זיי האָבן גע-דרוקט, האָט נישט קיין אַנטי-מלוכהשן אינהאַלט.

נאָכן באַפרייען די פיר „פאַרברעכער״ האָבן מיר — איך מיט דעם אַזוי גערופענעם שונא-ציוניק — געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע צרות פון דעם שומר, ווייל מיר האָבן זיך געחברט מיט די פיר מאַן, וועלכע האָבן געדרוקט אויפרופן קעגן „הסתדרות״. דער שומר האָט געמאַכט אויף אונדז אָנקלאַגעס אין תפיסה-קאַנצעלאַריע, אַז מיר רייכערן ציגאַרעטן, און אַלע טאָג האָט מען ביי אונז דעריבער געמאַכט רעוויזיעס.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ווידער אַריינגעברענגט אין אונדזער קאַמער עטלעכע גנבים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ לעקסיקאָן מיט די געמיינסטע און נידעריקסטע ווערטער, און די קאַמער האָט אָנגעהויבן צו עטעמען מיט דער „בעסערער" געזעלשאַפט. און דערצו האָט מען געהאַט יעדן טאָג פרישע פּראָוואָקאַציעס פון דעם ציוניסטישן שומר. יעדער טאָג האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ יאָר, און איך האָב שוין אויסגעקוקט, אַז די 21 טעג זאָלן זיך שוין וואָס שנעלער ענדיקן, כדי איך זאָל שוין פּטור ווערן פון דעם גיהנום.

אויפן 21סטן טאָג פון מיין זיצן האָט מען מיך גערופן אין תפיסה-קאַנצעלאַריע, מען האָט מיר אָפּגעגעבן די פּייקע מיט די צוויי פּיאַסטער און מען האָט מיר געמאָלדן, אַז איך בין פריי.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אַ גליקלעכער, וואָס כ'בין שוין ענדלעך פּטור געוואָרן פון די אונטערוועלט-מענטשן און איך בין געגאַנגען צו מיינעם אַ חבר, ווי איך האָב געהאַט ליגן מיין וועש.

12

צוויי טאָג אין בעט. — דער שיך-פּוצער.

קומענדיק צו מיין חבר, האָב איך אים דערציילט, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין די לעצטע צוויי וואָכן און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר געבן מיין וועש, איך זאָל זיך קאָנען אָפּוואַשן און איבערטון.

מיין באַקאַנטער האָט מיך געבעטן, איך זאָל ביי אים זיך אויסרוען כאָטש עטלעכע טעג.

איך האָב זיך געלייגט אין זיין בעט אַריין אויס־רוען מיינע צעב־אָכענע ביינער, וועלכע זענען ביז יעצט געלעגן אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע אין תפיסה.

זעענדיק, אַז מיין באַקאַנטנס פרוי און קינד קוועלן זיך שוין צוויי נעכט ביים שלאָפן אַלע אין איין בעט, האָב איך

שבת פרי געדאַנקט פאַר זייער גאַסטפריינדלעכקייט און איך בין אַרויס אין גאַס אַריין זוכן אַ באַקוועמער אָרט צו שלאָפן.

אַרויסגעקומען שבת פרי אין גאַס האָב איך באַמערקט, אַז מיינע שיך זענען שטאַרק שמוציק. איך בין צוגעגאַנגען צו אַן אַראַבישן שיך-פּוצער, וועלכער איז געזעסן אין עק פון כרמל-גאַס און געבעטן ער זאָל מיר אָפּפּוצן די שיך. אינמיטן פּוצן די שיך גייט אַדורך אַ ייד און פרעגט מיך, פאַרוואָס איך לאָז זיך פּוצן די שיך פון אַ אַראַבער?

נישט וועלנדיק מיט דעם ייד פאַרפירן קיין לענגערן געשפּרעך, האָב איך אים געענטפערט, אַז שבת איז אין גאַס נישט פאַראַן קיין יידישע שיך-פּוצערס, נאָר בלויז אַראַבישע.

דער ייד הייבט אָן מיך און דעם אַראַבער צו זידלען. גלייך קומען אָן עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פּונקט געפונען אין גאַס.

געזען, אַז עס וועט קומען צו אַ סקאַנדאַל, האָב איך דעם שיך-פּוצער באַצאָלט דעם האַלבן פּיאַסטער פאַר זיין אַרבעט און געוואָלט עוקר זיין. אין דעם האָב איך דערזען, אַז איינער פון די אָנגעלאָפענע הייבט דעם אַראַבער אָן צו שלאָגן און אַ צווייטער צעברעכט דאָס פּוץ-קעסטל און צעוואַרפט די שיך-בערשטן מיט די שאַכטלעך שיך-וואַקס, און פון דעם אַראַבערס נאָז און מויל רינט בלוט פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען.

איך האָב גענומען פאַרטיידיקן דעם אַראַבער און ביי מיינע ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן, בין איך שוין פון די כוליגאַנעס געוואָרן באַפאַלן, קוים עס איז מיר געלונגען פון זיי צו אַנטלויפן.

אַנטלויפנדיק פון די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן מיך נאָכגעיאָגט, בין איך געוואָרן שטאַרק אָנגעשטרענגט. אַ מידער בין איך נאָך דעם געגאַנגען צום ים זיך אַביסל אָפּרוען.

13

איך ווער אַ ציגל־מאַכער. — די אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט. – מ׳פאַרטרייבט די אַרבעטער־בערזע. — די „הסתדרותישע“ לעזונג.

עטלעכע וואָכן נאָכן אַרויסגיין פון יפוער תפיסה ווער איך פלוצים געהאָלפן מיט אַרבעט אויף עטלעכע וואָכן אַדאַנק מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן.

צום מויערן אַ הויז האָט מיין באַקאַנטער באַדאַרפן הונדערט טויזנט ציגל. האָט ער מיך מיט נאָך עטלעכע פון מיינע באַקאַנטע גענומען, אַז מיר זאָלן אים מאַכן די נויטיקע ציגל.

מיר האָבן אויך פון אים באַקומען אַ קאָנטע צוואָנ־ציק פונט צו מאַכן די ציגל מיט זיין צעמענט.

איך האָב מיר גלייך געדונגען אַ צימער מיט נאָך דריי חברים בשותפות.

די אַרבעט ביי די ציגל איז געווען זייער גוט, נאָר איך האָב ערשט ביי דער אַרבעט דערפילט, אַז מיינע כוחות זענען מיר אין דער צייט – פון נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן – אויסגעשעפּט געוואָרן.

אין דער צייט, וואָס איך האָב יעצט געאַרבעט, איז די אַרבעטסלאָזיקייט אין גאַס געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

די ציוניסטישע מנהיגים האָט אָבער נישט געפּאַסט, אַז עס זאָל זיך געפינען אויף דער אַרבעטס־בערזע אַזוי פיל אַר־בעטסלאָזע. די ציוניסטישע פרעסע אין דער גאָרער וועלט מיט דער פּאַלעסטינער העברעישער פרעסע בתוכם האָבן פונקט באַ־דאַרפט אָנהייבן צו ליאַרעמען, אַז אין פּאַלעסטינע פעלט אויס אַרבעטס־הענט. עס האָט געהאַלטן פאַר אַ פרישן סערטיפיקאַטן־שעדיול, און די ציוניסטן האָבן כאָטש פאַרלאַנגט פרישע צוואָנ־ציק טויזנט סערטיפיקאַטן און דאָ נאָט אייך גאָר אַן אָנשיקע־ניש — די אַרבעטער־בערזע וואַקסט פון טאָג צו טאָג מיט אַר־בעטסלאָזע.

נישט לאַנג געטראַכט זענען די ציוניסטישע טאַטעס געקומען אויף אַן איינפאַל ווי אַזוי צו לעזן די פראַגע פון די אַרבעטסלאָזע, וועלכע מאַכן פול אַלע טאָג די בערזע.

יעדן פרימאָרגן האָט די עיריה (שטאָטפאַרוואַלטונג) אַרויסגעשיקט עטלעכע פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַפעל פון דעם סאַמעראָדנעם דיזענגאָף אַליין, אַז זיי זאָלן אַפּרוימען די בערזע. ווען אַן אַרבעטסלאָזער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם לשון־קודשדיקן באַפעל פון דיזענגאָפס ספּעציעלע שליחים אין דער ערשטער מינוט, איז ער גלייך דערפאַר באַפאַלן געוואָרן מיט אַ האָגל קלעפּ, און דער עפּילאָג איז שוין פאָרגעקומען אין משטרה *)

אַ תירוץ האָבן די מנהיגים געפונען אַ גוטן אויף די נבלהשע שטיק זייערע: די שוואַרצע בערזע שטערט דעם אַדורכגאַנג אין גאַס. דאַקעגן, די אמתדיקע שוואַרצע בערזע פון שפּעקולאַנטן און מעקלערס אויף הערצל־גאַס — האָט מען נישט פאַרטריבן, און זעלטן, ווען מען האָט געקאָנט אויף דער שוואַרצער באָדן־בערזע אַדורכגיין נישט צו ווערן געטרעטן אויף די פיס צוליב דער ענגשאַפט, וועלכע האָט דאָרט געהערשט.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך דער „הסתדרות״־בנין אויסגעזען, ווי אַ פאַס מיט פּולווער, וועלכער קאָן אַ ליאַדע טאָג אויפרייסן. טויזנטער אַרבעטסלאָזע האָבן באַלאַגערט אַלע טאָג די „הסתדרותישע״ ביוראָען און געפאָדערט אַ טאָג אַרבעט.

די פירער פון „הסתדרות״ האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן און זיי האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון דער לאַגע. נאָכן רופן עטלעכע זיצונגען, האָבן זיי געפונען אַ לעזונג פאַר די טויזנטער אַרבעטסלאָזע און טויט־הונגעריקע.

די „הסתדרות״־פירער, וועלכע האָבן געזוכט די סיבה פון די הונגעריקע אַרבעטער, האָבן אייגעפונען, אַז שולדיק אינם גאַנצן אומגליק זענען די אַנטי־ציוניסטישע אַרבעטער, וועלכע דרינגען אַריין אין די ברייטע אַרבעטער־שיכטן. זיי מאַכן אָן דעם הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט. זיי האָבן די לעזונג פאַר דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט „געפונען״ באַלד ווי נאָר זיי האָבן „גרינטלעך״ אויסגעפונען די סיבות דערפון.

*) משטרה — פּאָליציי־אַמט.

ערשטנס האָט די „הסתדרות״־לייטונג פאַרצענפאַכיקט די „הסתדרותישע״ ווילע יונגען אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַקאַנטן „העלד״ מענדעלע פראַגער, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער „הסתדרותישער״ באַיוווקע.

די באַיוווקע־יונגען האָבן געשלאָגן יעדן מכות־רצח פאַר אַרויסרעדן אין לאָקאַל פון „הסתדרות״ אַ קריטיש וואָרט קעגן ציוניזם אָדער קעגן די „הסתדרות״־פירער.

נאָך אַ קורצער צייט איז אין לאָקאַל פון „הסתדרות״ גע־וועןאַ לאַגע ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד. די ווילע־יונגען זענען נישט אָנגעפאַלן בלויז אויף וועמען זיי האָבן געהאַט אַ פאַר־דאַכט, אַז ער איז נישט אַ ציוניסט, נאָר אויף יעדן איינעם, וואָס האָט געפאָדערט אַרבעט אָדער ברויט. און אַזעלכע האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. די פּראָוואָקאַציעס אָבער פון די ווילע יונגען האָבן גאָרנישט געהאָלפן. פאַרקערט, זיי, די ווילע יונגען, האָבן באַקומען עטלעכע מאָל פון די אַרבעטער גוט אָנגעבראָכן די ביינער, אַז זיי האָבן זיך געשעמט אַ לענ־גערע צייט צו ווייזן אין „הסתדרות״־בנין.

אַז די „הסתדרות״־פירער האָבן איינגעזען, דאָס זייערע ווילע יונגען קענען נישט לעזן די פראַגע פון הונגער און נויט, וועלכער הערשט ביי די טויזנטער אַרבעטסלאָזע, האָבן זיי געבערענגט אין הסתדרותישן הויז אַריין אַ פאָר פּאָליציי־אַגענטן, וועלכע האָבן גע־דאַרפט פאַרקלענערן די צאָל פון די אַרבעטסלאָזע, און אַז דאָס אַלץ האָט קנאַפּ וואָס געהאָלפן צו דער לינדערונג פון דער אַר־בעטסלאָזיקייט, האָט זיך גענומען דער גענעראַל־שטאַב, פון די לינקע פּ.צ.־קעס צו ראַטעווען די סיטואַציע.

די לינקע פּ.צ.־קעס האָבן אָנגעהויבן צו רופן די אַרבעטער אין „ישה־חפץ״־זאַל אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיי האָבן איינגעאָרדנט, אָבער די אַרבעטער האָבן זיך ווייניק וואָס געאיילט צו לויפן הערן די לינקע אַגענטן פון ציוניזם.

אַז זיי האָבן געזען, אַז די אַרבעטער האַלטן נישט פון קו־מען הערן זייערע גוטע עצות, האָבן זיי אַרויסגענומען די שווערסטע „באָמבע״ און געמאָלדן אַז ערעם בכבודו ובעצמו וועט האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער אַרבעטסלאָזיקייט.

וועלענדיק הערן רעדן דעם „לינקן" גדול ערעם, בין איך געגאַנגען אין „ישה־חפץ"־זאַל און איך האָב פאַרנומען ספּעציעל אַן אָרט נישט ווייט פון רעפערענט, כדי איך זאָל חס־וחלילה נישט פאַרהערן קיין איין וואָרט פון ערעמס דרשה.

הערנדיק ווי דער לינקער ציוניסט ערעם שפּייט מיט ווע־רעם קעגן דער חוצפה פון די אַרבעטסלאָזע, וועלכע פאַרלאַנגען אַרבעטסלאָזע־אונטערשטיצונג, האָט זיך מיר געוואָלט פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג, פּונקט ווי עס האָבן עס געטון די צענטליקער אַנ־דערע אַרבעטער, אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן מיט צוואַנגען, כדי צו הערן ערעמס אויספיר.

נאָר הערנדיק, אַז ערעם זאָגט: „סיוע *) ווילן זיי? איך וואָלט זיי געהייסן געבן סיוע, נאָר מיט אַ שפּיציקן בייַן, אַז ער זאָל זיי בלייבן שטעקן אין האַלדז" — האָב איך שוין פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צו הערן ווייטער דעם הער ערעם רעדן.

14

א צוזאַמענלויף. — אַן אַראַבישער קוטשער. — לאַ־יצלחניקעס. — אַ באַזוך ביי בערלס מוטער.

אַהיימגייענדיק פון דער אַרבעט, זע איך נישט ווייט פון מיין וווינונג אַ צוזאַמענגעלויף פון מענער און פרויען.

צוקומענדיק נענטער צו דעם גרויסן עולם, הער איך ווי אַ חלוץ שעלט אַן אַראַבישן פורמאַן.

עס האָט מיך אינטערעסירט וואָס עס האָט פּאַסירט. איך האָב געפרעגט אַ פרוי, וועלכע איז געשטאַנען צווישן דעם אָנ־געלאָפענעם עולם. זי האָט ביי יעדער קללה, וואָס דער חלוץ האָט געלאָזט פאַלן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פאַר צופרידנקייט. גע־בנדיק דערמיט גלייכצייטיק איר הסכמה דערויף.

די פרוי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איינער האָט דעם אַראַ־בער געדונגען איבערצופירן סחורה פון יפו נאָך תל־אביב און איז מושווה געוואָרן אויף צען פּיאַסטער פאַר איבערפירן די סחורה, און יעצט זאָגט דער אַראַבער, אַז ער איז מושווה געוואָרן אויף צוואַנציק פּיאַסטער, און נישט אויף צען.

*) סיוע — אַרבעטסלאָזע אונטערשטיצונג.

אין מיטן חלוצס שעלטן גייט אדורך דער „גרויסער״ פי־רער פון הסתדרות פענצאק, ער שטעלט זיך אפ און פרעגט דעם חלוץ פארוואס ער שעלט אויף רוסיש (דער חלוץ האט גע־שאלטן אויף רוסיש). איינער פון די ארומיקע האט גלייך גע־פרעגט דעם „פירער״ פענצאק: „אויף עברית באדארף מען יא שעלטן?״.

פענצאק האט זיך געפונען א ביסל פארלוירן פון דער פרא־גע און איז אפגעצויגן.

ווען איך זע, אז דער, וואס האט געפרעגט פענצאקן „אויף עברית באדארף מען יא שעלטן?״ — גייט נאך פענצאקן, הייב איך אויך אן נאכצוגיין און איך הער ווי ער זאגט: „פענצאק, אני מכיר אותך, אתה מנהיג פועלים, חבל, זאת חרפה, שאדם כמוך, המנהיג שלנו״ (פענצאק, איך דערקען דיך, דו ביסט א פירער פון ארבעטער, אן אומגליק, א קאמפראמיטאציע פאר אונדז אז אזעלכע זענען אונדזערע פירער).

קומענדיק אין אוונט אין „הסתדרות״, זע איך, אז נעבן דעם „הסתדרות״־הויז שטייט אן אראבישער דראשקאר מיט זיין דראזשקע.

איך קאן נישט גלייבן מיינע אויגן, אין „הסתדרות״ אריין זאל עמעצער זיך דערלויבן צו קומען מיט אן אראבישן דראזשקאר.

נאר ווי איך זע ווארט דער אראבער א לענגערע צייט און ער זוכט מיט די אויגן.

איך דערלויב זיך דעם אראבער צו פרעגן, וועמען ער זוכט אזא לאנגע צייט, וועלנדיק אזוי ארום זיך דערוויסן די סיבה פון זיין שטיין לעבן דעם „הסתדרות״־לאקאל אן שטערונג מצד די ציוניסטישע דורכגייער.

דער אראבער גיט מיר איבער: מיט העכער א שעה צייט, האט אים אן עלעגאנט געקליידעטער הער מיט א טעקע אין דער האנט געהייסן זיך אפפירן אין יפוער גאס צום „הסתדרות״ און צוקומענדיק דא אהער, האט אים דער דאזיקער הער געהייסן צווארטן צוויי מינוט, ווייל ער וויל מיט דער זעלביקער דא־ראזשקע צוריק אהיימפארן.

„נאָר שוין איבער אַ שעה — זאָגט דער אַראַבער — וואַרט איך דאָ, און דעם הער זעט מען נישט און פאַר דעם קורס האָט ער מיר נאָך נישט באַצאָלט".

איך זע, אַז די אַרומשטייענדיקע אַרבעטער הערן אויס דעם אַראַבערס רייד און זיי שמייכלען אין די וואָנסן אַריין.

איך פרעג זיי, וואָס אַזעלכעס האָט פּאַקטיש פּאַסירט. דאָן באַקום איך פון איינעם פון די אַרבעטער די תשובה, אַז דער „הער" איז שוין לאַנג אַרויס פון צווייטן אויסגאַנג, נישט וועלנ־דיק באַצאָלן דעם אַראַבער פאַרן קורס.

ווען איך הער דאָס פון די אַרומשטייענדיקע, פון וועלכע פיל פון זיי טאַדלען אַזאַ טאַקטיק, דערלויב איך זיך צו דערציילן דעם אַראַבישן דראָזשקאַר דעם אמת.

דער אַראַבער האָט אין אָנהייב מיר נישט געוואָלט גלייבן, נאָר נאָכן אָפּשטיין נאָך אַ לענגערע צייט אומזיסט איז ער אַוועק־געפאָרן מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

נאָך דעם אַראַבערס אַוועקפאָרן בין איך אַריין אין „הסתדרות" אַ מידער פון דער אַרבעט ביי די ציגל. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין לאָקאַל און בין אַנטשלאָפן געוואָרן, הגם אַרום מיר האָט געטרוישט ווי אין אַ בינ־שטאָק.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען צוויי אַרבעטער האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם טישל, וווּ איך בין געשלאָפן.

איך האָב געהערט ווי איינער זאָגט צו דעם צווייטן: „אַז בערל איז אַרעסטירט איז נישט גוט".

הערנדיק די ווערטער, איז מיר געוואָרן אינטערעסאַנט צו וויסן ווער עס איז דער בערל און פאַרוואָס איז ער אַרעסטירט.

איך האָב צו זיי צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער: „היינט בערל און מאָרגן שמערל, זיי וועלן אַלע אַרבעטער אַרעסטירן און אַליין וועלן זיי בויען די נאַציאָנאַלע היים".

מיטן צוואַרפן מיינע פאַר ווערטער בין איך געווען אויסן, אַז די צוויי מיר אומבאַקאַנטע אַרבעטער זאָלן האָבן צו מיר אַ ביסל צוטרוי.

„ריכטיק!" רופט זיך איינער פון זיי אָן.

„יאָ, יאָ, — זאָג איך — וואָס דען האָט איר געמיינט ?" און זעענדיק, אַז איך האָב געטראָפן מיט מיינע געצילטע ווערטער, האָב איך זיך צוגערוקט נעענטער צו זיי און איך האָב געפרעגט וועלכן בערל מען האָט אַרעסטירט.

„בערל סאַמבאַל" — רופט זיך איינער אָן, און דער צווייטער גיט צו — „בערל מיט דעם קאַליעדיקן אויג".

„פאַרוואָס — פרעג איך — האָט מען אים אַרעסטירט ?"

ווארטנדיק אויף אַן ענטפער, זע איך ווי איינער קוקט אויף דעם צווייטן, זיי ווינקען זיך איבער צי זיי דאַרפן רעדן, און דער אַרבעטער, וואָס האָט געזאָגט אויף מיינע ערשטע ווערטער „ריכטיק", זאָגט צו דעם צווייטן : „זעסט דאָך, אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אין זיין רעדן זעסטו דאָך, אַז ער איז נישט קיין מפא"י'ניק", און גלייכצייטיק גיט ער אַ קוק אויף מיר ווילנדיק זען דעם איינדרוק אויף מיין פנים.

„איר האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן — זאָג איך — איך באַרעכטיק אייער מורא, ווייל עס דרייען זיך דאָ אַרום מפא"ישע און אַנדערע אַגענטן. אָבער איר קאָנט רויק זיין, איך געהער נישט צו זיי".

„חבר — רופט זיך איינער אָן, אַנקוקנדיק מיך גוט — דאַכט זיך, אַז מיר זענען אַמאָל געגאַנגען אויף פּיקעטן ?"

„עס קאָן זיין — זאָג איך, אַז מיר זענען אַמאָל געגאַנגען אויף פּיקעטן, אָבער... נישט דערגאַנגען".

„עס איז שוין דער זעלבער — זאָגט ער צו זיך — דערמאָן זיך — זאָגט ער צו מיר — איך געדענק, דו האָסט דאַמאָלס געבייכערט אַ פּייקע און האָסט אין וועג אונדז אָפּגערעדט פון צו גיין אויף פּיקעטן, געדענקסט ?"

„עס קאָן מעגלעך זיין — זאָג איך — ווייל איך בין עטלעכע מאָל געגאַנגען אויף פּיקעטן מיט חברה און געגאַנגען בין איך, ביז דאָס לעצטע מאָל האָט מיך אַ באַנדע חלוצים פאַרמסרט פאַר בורשטינען, און טאַקע פון יענער צייט אָן, באַקום איך נישט פון „הסתדרות" קיין אַרבעט".

„חבר — רופט זיך דער זעלבער אָן, דערלאַנגענדיק מיר

זיין האַנט – טאָק איין ס'פּיפּטל און זיי מוחל, אַ וואונדער, וואָס דו דערקענסט מיך נישט?"

„ווער ביסטו? – פרעג איך – און וואָס דאַרף איך דיר מוחל זיין?"

„יאָ, מעגלעך – זאָגט ער – דו דערקענסט מיך נישט. איך האָב אין דער צייט פאַרלוירן אַ האַלב פּנים און אויך עט־לעכע ציין, בשעת איך בין אַראָפּגעפאַלן פון די רושטאַוואַניעס, געדענקסט – זאָגט ער ווייטער – ווען דו ביסט געגאַנגען מיט אַ גרופּע אויף פּיקעטן און האָסט געהייסן אויסדרייען דעם די־שעל? אָ! דו האָסט דאַמאָלס גערעדט שאַרף, און איך האָב דיר געענטפערט, אַז עס מוז זיין הונדערט פּראָצענט עבודה עברית. יאָ, חבר, איך האָב אויך דאַמאָלס דיך פאַרמסרט פאַר בורשטי־נען, אַז דו האָסט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן פאָדערן אַרבעט אָנשטאָט אַראָפּוואַרפן אַראַבער פון דער אַרבעט, און דעריבער טאָקע בעט איך יעצט ביי דיר, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין, ווייל צוליב מיר באַקומסטו נישט קיין אַרבעט".

„דאָס ביסטו? – זאָג איך – וואָס האָסט דאַמאָלס אַזוי געשוויצט? באמת, איך וואָלט נישט געגלויבט, ווו האָסטו – פרעג איך אים – דיינע רונדע באַקן? דו זעסט דאָך אויס ווי אַ שווינד־זיכטיקער. נו, פאַרפאַלן – גיב איך צו – מיר אַלע זענען געווען פאַרטשאַדעט פון דעם ציוניזם, און דיר בין איך מוחל די דאַ־מאָלסטיקע מסירה שוין דערפאַר, וואָס דו ביסט אַוועק פון דער באַנדע און האָסט זיך אויסגעניכטערט. אַלזאָ, יעצט ווייסט איר שוין, אַז איך געהער נישט צו יענער באַנדע, דערציילט מיר די סיבה פון בערלס אַרעסט".

זיי רוקן זיך צו האַרט צו מיר און דער מחילה־בעטער הייבט אָן צו דערציילן: „מיט עטלעכע טעג צוריק – הייבט ער אָן – זענען מיר דאָ טאָקע ביי דעם טישל געזעסן און געלייענט דעם „דבר". מיר זענען געווען אַ מאַן אַכט און איינער האָט פאַרגע־לייענט פאַר אַלע, און אַז ער האָט געלייענט די ווערטער אין „דבר", אַז ווער עס האָט נישט קיין אַרבעט איז אַ לא יצלחניק, זענען מיר געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט און מיר זענען געגאַנגען אין דער רעדאַקציע פון „דבר", זי זאָל אָפּרופן די ווערטער

„לא יצלחניקעס", און בערל איז געווען אין דער רעדאַקציע פון די ראשי־המדברים. נאָך אַ לענגערן ווערטער־אויסטויש האָט דער „סאָציאַליסטישער" מיטאַרבעטער פון „דבר" אונדז געהייסן פאַר־לאָזן די רעדאַקציע, אין קעגנפאַל וועט ער רופן פּאָליציי אונדז צו אַרעסטירן. בערל מיט זיין פעסטער פויסט האָט דאַמאָלס גע־געבן אַ קלאַפּ אין טיש און געשריגן: „אַרעסטירט אונדז, נאָר רופט אָפּ די פּראָוואָקאַטאָרישע ווערטער". פון בערלס קלאַפּ אין טיש אַריין האָט זיך דער מיטאַרבעטער פון „דבר" אַביסל דערשראָקן און ער האָט צוגעזאָגט, אַז אין נאָענטסטן נומער פון „דבר" וועט זיין אַן אויפקלערונג. אָבער געוויס האָסטו געלייענט דעם פעליעטאָן וועגן די לא יצלחניקעס?"

„ניין — זאָג איך — איך האָב דווקא נישט געלייענט. דערצייל וואָס „זיי" האָבן געשריבן וועגן דעם".

„אַ שאָד — זאָגט ער, — וואָס דו האָסט דעם פעליעטאָן נישט געלייענט, וואָלט איך געקאָנט דעם פעליעטאָניסט, וואָלט איך אים די פינגער אויסגעבראָכן".

„דאָס — זאָג איך — לאָז איבער אויף אַ צווייט מאָל, דער־ווייל דערצייל, וואָס עס איז געווען געשריבן אין „פעליעטאָן"".

„הער — זאָגט ער — אָנשטאָט אָפּצורופן די נידערטרעכטי־קע ווערטער, איז געווען אַ פעליעטאָן, אין וועלכן בערל — וועל־כער איז היינט אַרעסטירט געוואָרן — איז געשילדערט געוואָרן פון קאָפּ ביז פיס, ווי ער זעט אויס, אַז ער האָט איין אויג אַ קאַליעדיקס און בכלל איז ער געשילדערט מיט אַלע פּיטשעווקעס און דערצו האָבן זיי נאָך צוגעגעבן, אַז מיר האָבן געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דער רעדאַקציע. נו — זאָגט ער — וואָס זאָגסטו צו דעם? דעם פעליעטאָן האָבן זיי דאָך ספּעציעל געשריבן, כדי די ציוניסטישע אַגענטן זאָלן בערלען דערקענען, און טאַקע מיט אַ שעה צוריק איז בערל אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען, און אין דרויסן האָבן שוין צוויי אַגענטן אים אָפּגעוואַרט און אַרעסטירט. נו — פרעגט ער נאָכאַמאָל — וואָס זאָגסטו צו אַזאַ רציחה?"

„ביי מיר — זאָג איך — איז אַזעלכעס קיין נייעס נישט, ווייל די סדרה גייט אַלע טאָג, צי מיט אַ „דבר"־פעליעטאָן צי־

אָן אים, אַרעסטירט מען כּסדר אַרבעטער, וועלכע זענען נישט מסכּים מיט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע".

„ריכטיק – זאָגט ער – אָבער וואָס וועט זיין מיט בערלס מוטער? זי איז דאָך שוין אַ פרוי אין די יאָרן".

„וואָס? – זאָג איך – דער בערל האָט דאָ אַ מוטער אויך? אפשר ווייסטו איר אַדרעס?"

„יאָ – זאָגט ער – איך ווייס ווי בערל מיט דער מוטער וווינען, אָבער וואָס דאַרפסטו איר אַדרעס?"

„אָט סתם – זאָג איך – וואָלט איך געוואָלט מאַכן ביי איר אַ באַזוך".

איך האָב גענומען דעם אַדרעס פון בערלס מוטער און מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

צומאָרגנס נאָך דער אַרבעט בין איך געגאַנגען ספּעציעל מאַכן אַ באַזוך ביי בערלס מוטער.

ביי מיין אַריינקומען אין דעם קעלער-שטיבל, האָט זיך די פרוי ס. אַזוי דערשראָקן, אַז הענט און פיס האָבן איר אָנגעהויבן ציטערן, קוים וואָס זי האָט אַרויסגערעדט: „מיך אויך?"

איך האָב פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט מיט די צוויי ווערטער און איך האָב זי באַרויקט: „ניין ליבע פרוי – האָב איך געזאָגט – איך בין נישט פון דער פּאָליציי, שרעקט אייך נישט, איר ציטערט בחינם, ווייל אייך וועט מען נישט אַרעסטירן, איך בין נאָר געקומען זיך דערוויסן וואָס איר מאַכט, ווייל בערל איז מיינער אַ גוטער חבר".

אַרויסרעדנדיק די ווערטער, האָב איך שוין באַלד אָנגעהויבן ציטערן, זי זאָל מיך נישט פרעגן עפּעס וועגן איר בערלען, וועלכן איך האָב גאָרנישט געקאָנט.

„וואָס זאָל איך מאַכן" – שטאַמלט פרוי ס. נאָך פון אויפרעגונג.

„איר פילט זיך געזונט? און וואָס איז עפּעס אין צימער אַזאַ אומאָרדענונג?"

„דאָס – זאָגט פרוי ס. שוין אַביסל רויקער – האָט מיר די פּאָליציי נעכטן דעם מעמד איבערגעלאָזן. זעט, יונגערמאַן, וואָס

פאַר אַ חורבה זיי האָבן געמאַכט פון מיין אָרעם באַלעבאַטיש־קייט״.

„און פאַרוואָס — פרעג איך — האָט מען בערלען אַרעס־טירט ?״

„איך האָב זיי — זאָגט פרוי ס. — נעכטן געפרעגט ווען זיי האָבן בערלען אַוועקגעפירט, האָבן זיי געענטפערט, אַז ער איז שוין גענוג לאַנג דאָ געווען, און יעצט וועלן זיי אים צוריק שיקן אַהיים״.

„מן הסתם — טרייסט איך זי — וועט ער באַלד פריי ווערן, און אפשר זאָל איך איך העלפן מאַכן אַביסל אָרדענונג אין צימער?״

„ניין, ניין — זאָגט פרוי ס. — איך דאַנק אייך, אַז בערל וועט מאָרגן קומען, וועט ער שוין אַלץ אַוועקרוימען, און טאָמער וועט ער מאָרגן נישט קומען, וועל איך גיין נאָך מיין איידעם, ער זאָל די אַלע זאַכן ברענגען אין אָרדענונג. צו וואָס זיך מיט אייך באַדינען ?״

נאָך עטלעכע מאָל באַזוכן די פרוי ס. האָב איך זיך דער־ווּסט, אַז בערל איז געוואָרן דעפּאָרטירט פון פּאַלעסטינע פאַר זיין חטא, וואָס ער האָט געפאָדערט אין רעדאַקציע „דבר״, אַז זיי זאָלן אָפּרופן די ווערטער לא יצלחניקעס.

15

אויף דער פּליאַזשע. — די שוואַרצע בחורטע. — דער „דראַגונער״ וויל מיך אַרויספירן פון מיין „גע־פאַלנקייט״. — בינקעס.

אָפּאַרבעטנדיק עטלעכע וואָכן ביי די ציגל, האָט זיך ביי מיר ווייטער אָנגעהויבן אַ צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט, און נישט האָבנדיק קיין באַשעפטיקונג, האָב איך געטון ווי אַלע אַרבעטס־לאָזע און סתם פּרנסהלאָזע: יעדן טאָג בין איך געגאַנגען צו דער פּליאַזשע. די אַרבעטסלאָזיקייט איז כסדר געוואַקסן, און וועגן באַ־קומען אַ טאָג אַרבעט איז קיין אויסזיכטן נישט געווען.

איין מאָל, ווען איך בין געלעגן אויף דער פּליאַזשע און געקוקט אויף דעם טויזנט־קעפּיקן עולם, וועלכער ליגט, זיצט און

שפּאַצירט אַרום ביי דעם ברעג פון ים, דערזע איך צווישן דער מאַסע מענטשן אַדורכגיין אַ באַקאַנט מיידל פון פוילן, אין דער באַגלייטונג פון נאָך אַ מיידל, וועלכע איז מיר געווען אומבאַקאַנט.

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט אויף דעם הער־לעכן באָד־קאָסטיום, וועלכן מיין באַקאַנטע האָט געטראָגן און נישט ווייניקער אויף איר זעלבסט, וועלכע איז פון דער נאַטור באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ שיין רונד פּנים און צוויי גרויסע שוואַרצע קאַרשן־אויגן.

איך האָב געוואָלט אויסנוצן מיין קאָנטשאַפט מיט דעם שוואַרצן מיידל. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט און בין אַנטקעגן געגאַנגען די צוויי מיידלעך.

מיין באַקאַנטע האָט מיך גלייך דערקענט און באַגריסנדיק זיך מיט מיר, האָט זי מיך באַקענט מיט איר באַגלייטערין.

שפּאַצירנדיק מיט די צוויי מיידלעך ביי דעם ברעג פון ים, האָב איך געזען און געפילט, אַז פיל אַדורכשפּאַצירנדיקע יונגע־לייט זענען מיך מקנא פאַר מיין גליק, וואָס איך געפין זיך אין דער געזעלשאַפט פון דער שיינער בחורטע.

איך בין נישט קיין אַסקעט, אָבער מיך האָט מער אינטע־רעסירט פון וואַנען מיין באַקאַנטע האָט אויף אַזאַ שיינעם באָד־קאָסטיום, ווי איר שיין, רונד פּנים מיט אירע שוואַרצע אויגן.

גייענדיק מיט איר אַ לענגערע צייט, האָב איך אַלץ נאָך נישט געקאָנט זיך דערוויסן פון איר, מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך. מיין באַקאַנטע האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן וועגן איר פאַך און באַשעפטיקונג.

מיר זענען פונקט אַדורכגעגאַנגען קעגנאיבער דעם „רויטן הויז" און איך הער ווי עמעצער זאָגט אַ הויכן „שלום". איך גיב אַ קוק, זע איך, אַז דער „שלום" איז געפאַלן פון איינעם אַ מזרחיס־טישן חלוץ, מיט וועלכן איך האָב אַמאָל צוזאַמען געאַרבעט ביי אַ יציקה *).

איך בין געווען זיכער, אַז מיט זיין הויכן „שלום" זאָגן האָט ער געמיינט מיך צו קריטיקירן, ווייל אין דער צייט וואָס

*) יציקה — גיסן אַ דאַך פון בעטאָן.

מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט ביי דער יציקה, האָבן מיר זיך אַביסל אַדורכגערעדט איבער פאַרשידענע ציוניסטישע פּראָבלעמען. אָבער מיין באַקאַנטע בחורטע זאָגט מיר, אַז דער „דראַגונער" (דער חלוץ האָט אויסגעזען ווי אַ דראַגונער) האָט געגריסט צו איר. זי זאָגט מיר, אַז זי קען אים שוין זייער לאַנג.

„פון וואַנען קענסטו אַ מזרחיסטישן חלוץ?" — פרעג איך די שוואַרצע.

איידער איך באַקום פון איר אַ תשובה אויף מיין פראַגע, קומט דער „דראַגונער" צו און פרעגט מיך צי איך האָב אַר-בעט, ווייל ער האָט צו מאַכן אַ גדר *) און ער דאַרף צו הילף אַן אַרבעטער.

„אַרבעט — זאָג איך — האָב איך נישט און, אַז דו דאַרפסט אַן אַרבעטער, בין איך גרייט צו גיין אַרבעטן".

„ווען דו ווילסט האָבן אַרבעט — זאָגט דער „דראַגונער" — טאָ קום מיט מיר צו דעם בעל-הגדר, ווייל איך האָב אים צו-געזאָגט היינט צו געבן אַן ענטפער. ער וויל געבן אַ שפּאָטישן פרייז, און צוזונעמען אַ פועל פאַרן פולן פרייז האָט מיר נישט געלוינט דעם גדר אָנצונעמען, נאָר אַז דו האָסט נישט קיין אַר-בעט — גיט ער צו — ווען מיר עם אָננעמען בשותפות און מיר וועלן האָבן עטלעכע טעג צו טון".

„גוט — זאָג איך — איך קאָן מיט דיר גיין צו דעם בעל-הגדר, ווען עס איז נייטיק היינט ביי אים צו זיין".

„נישט נאָר עס איז נייטיק היינט ביי אים צו זיין — זאָגט דער „דראַגונער" — נאָר איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט שוין יעצט מיט מיר צו אים גיין, ווייל ביי דער יעצטיקער אַרבעטס-לאָזיקייט קענען מיר פאַרשפּעטיקן די געלעגנהייט, צו פאַר-דינען עטלעכע פּיאַסטער; ער קען איבערגעבן אַ צווייטן דעם גדר צו מאַכן".

„גוט — זאָג איך — אַרבעט איז פאַר אַלעם, אַז עס איז נייטיק שוין צו גיין צו דעם בעל-הגדר, טאָ גיי איך מיט דיר גלייך".

*) גדר — פּאַרקאַן.

צוליב דער צופעליקער געלעגנהייט צו האָבן עטלעכע טעג אַרבעט געזעגן איך זיך מיט די צוויי מיידלעך און איך גיי מיט דעם „דראַגונער" אָננעמען דעם גדר צו מאַכן.

אַוועקגייענדיק מיט דעם „דראַגונער" אַ שטיקל וועג, פרעג איך אים, ווו דער בעל-הגדר וווינט, און אָנשטאָט צו באַקו-מען ענטפער אויף מיין געשטעלטער פראַגע, פרעגט ער מיך: „פון וואַנען קענסטו די צוויי מיידלעך, מיט וועלכע דו האָסט שפּאַצירט?"

„די שוואַרצע — זאָג איך — קען איך נאָך פון פוילן און די צווייטע האָב איך ערשט היינט באַקענט".

„פון פוילן — זאָגט ער — קאָנסטו נאָך די שוואַרצע, און דאָרט איז זי אויך געווען אַ גאַסן-פרוי?"

„וואָס רעדסטו? — זאָג איך — ביסט זיכער, אַז זי איז אַזעלכע?"

„ווען איך זאָל נישט זיין זיכער — זאָגט ער — וואָלט איך נישט גערעדט דערוועגן, און ווען זי וואָלט געווען אַן אָנשטענדיקע גאַסן-פרוי, וואָלט איך דיך נישט גערופן יעצט וועגן אַרבעט, נאָר ליידער האָט זי שוין עטלעכע אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישער מחלה, און אַז איך האָב דיך יעצט גע-טראָפן אין איר געזעלשאַפט, האָב איך גלייך גענומען טראַכטן ווי אַזוי דיך אַרויסצושלעפן פון איר נעץ און איך האָב זיך אויסגעטראַכט אַ מעשה מיט אַ גדר, נאָר האָב נישט קיין פּאַר-דרוס, ווייל מיט מיין אַוועקשלעפן דיך פון די שיינע, שוואַרצע אויגן פאַרדינסטו מער, ווי דו וואָלסט געהאַט עטלעכע טעג אַרבעט".

„האָסטו גאָרנישט קיין גדר צו מאַכן?" — פרעג איך אים

„ניין — זאָגט דער „דראַגונער" — איך האָב דיר נאָר געוואָלט איבערגעבן ווער און וואָס די שוואַרצע טאַקע איז".

„איז דאָס הונדערט פּראָצענטיק אמת? — פרעג איך — די שוואַרצע איז אַ גאַסן-פרוי? איך וואָלט זיך דאָס גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן. איך קען זי דאָך פון פוילן. זי שטאַמט

פון אַ לייטישער פאַמיליע. ווען אירע עלטערן וואָלטן זיך דאָס דערוווסט, וואָלטן זיי זיך דאָס לעבן גענומען"

„יאָ, יאָ — זאָגט ער — פיל עלטערן שטעלן זיך נישט פאָר וואָס זייערע טעכטער טוען אין פאַלעסטינע. די שוואַרצע איז נישט קיין אויסנאַם מיט איר באַשעפטיקונג".

„דו ווייסט — זאָג איך — איך האָב מיט איר גערעדט אַ צייט און איך האָב זיך נישט געקאָנט פון איר דערוויסן מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך, עס האָט מיך שטאַרק אינטע־רעסירט פון וואַנען זי קאָן זיך דערלויבן אויף אַזאַ טייערן באַד־קאָסטיום".

„הער אויס — זאָגט דער „דראַגונער" — די טראַגישע געשיכטע פון שבתי־צבי איז דיר מן־הסתם באַקאַנט, פון דעם משיח השקר שבתי־צבי זענען פאַראומגליקט געוואָרן טויזנטער יידן, עס איז דאָך געווען שרעקלעך די טראַגעדיע אין יענער צייט. פיל האָבן זיך אַנטוישט, פיל זענען אַוועק פון יידנטום און זייער פיל האָבן זיך עקאָנאָמיש רוּינירט, אָבער די טראַגעדיע מיט דעם ציוניסטישן משיח־השקר וועט זיך אַרויס־ווייזן פאַר הונדערט טויזנט מאָל שרעקלעכער, ווי דער שבתי־צביאיזם, ווייל דער ציוניזם מאַכט נישט אומגליקלעך טויזנ־טער, נאָר הונדערטער טויזנטער יידן אין דער גאַנצער וועלט".

„וואָס מען האָט דערלעבט - זאָג איך צו אים - דער „מזרחי" גיט אַרויס פיל אַזעלכע אַפּיקורסים ווי דו? אַ שיינע ציוניסטישע דערציִונג האָבן זיי אין דיר איינגעפלאַנצט. גע־דענקסט, ווען מיר האָבן צוזאַמען ביי דער יציקה געאַרבעט? דאַמאָלס ביסטו נאָך געווען אַ פאַרברענטער ציוניסט; וואָס איז מיט דיר געוואָרן? האָסט זיך דאָך עפּעס „אויסגעגליטשט".

„לאָך נישט - זאָגט ער — איך רעד ערנסט, און דו ווילסט מיך קריטיקירן פאַר דעם, וואָס איך בין אַמאָל געווען קליין־קעפּלדיק. זיי וויסן, אַז מען ווערט עלטער ווערט מען קלוגער".

„אין לשון קודש — זאָג איך — איז דאָ דערויף אַ גוט וואָרט: „מה שלא יעשה השכל, יעשה הזמן", און אפשר־גיב איך צו — האָט אויף דיר געווירקט די „אַוירא ד'ארץ ישראל?"

„אַנטשולדיק — זאָגט ער — איך האָב זיך יעצט דער־מאָנט אַ געשיכטע, וועלכע איז פּאַרלאָפן ווען איך בין נאָך געווען אין דער היים: איינמאָל האָט ביי אונדז אין שטעטל אַ געוויסער שלמה שמואל באַקומען פון זיין טאָכטער אין פּאַלעסטינע אַ בריוו, אַז זי האָט חתונה געהאַט. שטעל דיר פאָר שלמה שמואלס, שמחה. באַלד האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל דערוווסט פון שלמה שמואלס גליק, וואָס עס האָט אים גע־טראָפן אין פּאַלעסטינע. איך געדענק ווי דאָס גאַנצע שטעטל איז גלייך געגאַנגען אויף רעדלעך, די ציוניסטן אין שטאָט און איך בתוכם זענען געגאַנגען מיט די קעפּ אַרויף, און ווער עס האָט געזען אַדורכגיין אַן אָנגעזעענעם ציוניסט און זאָגאַר אַ צי,ניסטיש ייִנגל, האָט ער אים געזאָגט אַ הויכן גוט-מאָרגן. יעדער פאָטער, וואָס האָט געהאַט טעכטער, האָט זיי געהייסן זיך איינשרייבן אין אַ ציוניסטישן פאַריין, און גאַנץ באַזונדער האָבן זיך עטלעכע טאַטעס פון טעכטער גע־לאָזן נאָך וואַרשע, צו זוכן גליק אין די הויכע פענצטער פון די ציוניסטישע גדולים וועגן סערטיפיקאַטלעך פאַר זייערע טעכטער. קיין סערטיפיקאַטל האָט פון זיי קיינער נישט באַ־קומען, אָבער מיט געלט זענען דווקא עטלעכע שטאַרק ,אַריינ־געפאַלן, ווייל זיי האָבן זיך געלאָזט קאָסטן הונדערטער זלאָטעס ביי די ציוניסטישע מאַכערס. מיין שוועסטער האָט מיר אין „יענעם" אָוונט געזאָגט: „אַז שלמה שמואלס מאַזעפע האָט באַקומען אַ מאַן, דאַרף איך צו קריגן צוויי מענער. זע, אַז איך זאָל באַקומען אַ סערטיפיקאַט". איך האָב דעמאָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען צו פרעגן: עס איז דאָך שוין געפאָרן אין פּאַלעסטינע עטלעכע צענדליק מיידלעך פון אונדזער שטאָט און איינע האָט ערשט דאָרט חתונה געהאַט, און אין דער צייט, וואָס די מיידלעך זענען געפאָרן קיין פּאַלעסטינע, איז שוין געווען ביי אונדז אין שטאָט — פון די וועלכע זענען נישט געפאָרן — עטלעכע חתונות. דאַרפן דאָך אַלע מיידלעך פון פּאַלעסטינע צוריקקומען אין אונדזער שטאָט און נישט פאַרקערט, וועלן גאָר לויפן קיין פּאַלעסטינע".

„וואָס ביסטו דערמיט אויסן?" — פרעג איך אים.

„דערמיט בין איך אויסן — זאָגט ער — דיר מסביר צו זיין ווי ווייט דער גייסט פון מאָדערנעם משיח-שקר איז שוין אַריין אין די מאַסן, און עס איז מיר פיינלעך ווען איך שטעל זיך פאָר דאָס בילד, ווען עס וועט קומען אַ מאַסן-אַנטוישונג פון ציוניזם, און קומען מוז עס דאָך פריער אָדער שפּעטער. נאָר דערווייל שפּילן נאָך די אַקטיאָרן דאָס שפּיל".

„וועלכע אַקטיאָרן?" — רייס איך אים איבער.

„רייס נישט איבער אין דער מיט — זאָגט ער — איך וועל דיר גלייך געבן צו פאַרשטיין: אין אַן אַרטיסטן־טרופּע זענען דאָ פאַרשידענע אַקטיאָרן, און אין ציוניזם זענען דאָ פאַרשידענע ריכטונגען. געוויס זענען דאָ אונטערשידן פון רעוויזיאָניזם ביז מפא"י, אָדער פון די לינקע פּ.צ.-קעס ביז דעם „מזרחי". אָבער יעדע טעאַטער־טרופּע האָט קאָמיקער, טראַגיקער און אַנדערע אַקטיאָרן צום שפּילן. דער ציוניזם האָט געשאַפן די אַלע ריכטונגען, כדי צוציִען אַלע שיכטן פון פאָלק ישראל, זיי האָבן געשאַפן אַזאַ אַרט וואַרן־הויז, וואָס מען וויל באַקומט מען ביי זיי. ביסטו פרום — האָסטו אַ „מזרחי". ביסטו אַ קאַפּעטשקעלע פריי געזאָגנען טאָ ווער אַ אַלגעמיינער ציוניסט, פאַר אַרבעטער איז דאָ דער מפא"י. איז ווער אַ לינקער... — האָט ער די לינקע פּ.צ.־קעס און מעגלעך ס׳איז ווער געכאַפּט אויף דער מעשה... האָט מען געשאַפן די אַזוי גערופענע קאָמונע־קאָלעקטיוון, אַפילו פאַר יינגלעך וואָס האָבן זיך ליב צו שפּילן מיט אַ ביקסל און אַ שווערדל, איז פאַר זיי אויך דאָ דער רעוויזיאָניזם, אָבער אַלע צוזאַמען מיינען דעם עיקר, ציוניזם. זעלבסטפאַרשטענדלעך — שאַפט יעדע ציוניסטישע ריכטונג איר פאַרטייִשע ליטעראַטור. אָבער זיי ווייסן, אַז אַקטיאָרן לערנט מען ספּעציעל אויס זייער ראָל, וועלכע זיי דאַרפן שפּילן".

„אַנטשולדיק, — זאָג מיר, די אויפפאַסונג איז דיינע, צי דו האָסט זי געהערט? — פרעג איך — וואָס ביסטו יעצט פרום ביסטו נאָך?"

„ווי דו קוקסט מיך אָן — זאָגט ער — בין איך אפשר נאָך פרומער, ווי איך בין געווען, און טאַקע דעריבער בין איך

אַנטלאָפן פון „מזרחי״, ווי איינער לויפט אַוועק פון אַ דונער, דו קאָנסט זיך דענקען ווי דו פאַרשטייסט, אָבער איך גלייב, אַז דו קאָנסט און טאָלערירסט מיינע רעליגיעזע איבערצייגונ-גען; און לויט דער תורה איז נישט דערלויבט אָפּצוטון די אַלע נידערטרעכטיקייטן, וועלכע דער ציוניזם טוט אָפּ, און טאַקע דעריבער בין איך אַנטלאָפן פון „מזרחי״, ווייל איך האָב גע-זען, אַז דער „מזרחי״ שפּילט מיט אין דער ציוניסטישער טרופּע״.

„וואָס זענען — פרעג איך — די נידערטרעכטיקייטן, וועלכע דו זעסט פון ציוניזם ?״

„שטער מיר נישט, איך רעד דאָך — זאָגט ער — און, אַז איך וועל דיר נישט גוט מסביר זיין, דאַן וועסטו קאָנען פרעגן. אין אונדזער תורה — זאָגט ער ווייטער — איז גע-שריבן ואהבת לרעך כמוך, וחי אחיך עמך, גר ותושב וחי עמך און, און, און״.

„גענוג — זאָג איך — הער אויף צו שיטן מיט די פּסוקים, ווייל איך וועל נישט זאַט ווערן פון זיי״.

„יאָ, און אָנהייבנדיק פון די לינקע ביז דעם „מזרחי״ — רעדט ער ווייטער, אַריינקומענדיק אין שוואונג פון זיין דרשה — פירן אַלע אויס אַ ראָל, וועלכע איז קעגן דער תורה הקדושה, זעלבסטפאַרשטענדלעך זענען די ראָלן איינגעטיילט לויט די אויסשטודירטע אַרטיסטן, דהיינו: דאָס עקספּלאָאַטירן אַרבעטער יידישע ווי אַראַבישע; מ׳טרייבט אַראָפּ מיט כח אַראַבישע אַר-בעטער פון די אַרבעטס-פּלעצער, עס דרייען זיך אַרום הונגע-ריקע און דאַכלאָזע. און נאָך פיל נידערטרעכטיקייטן, צו וואָס דיר אַלץ אויסרעכענען, דו ווייסט און פילסט מן-הסתם גענוג אַליין דערפון, און דאָס אַלץ איז קעגן דער תורה הקדושה.

„עס וועט שוין גענוג זיין — זאָג איך, לאָז מיך שוין צורו. מעגלעך, אַז מיר וועלן זיך טרעפן אמאָל, וועסטו קאָנען ענדיקן, איך האָב אויך איצטער קיין געדולד נישט דיך ווייטער אויסצוהערן, ווייל איך בין צערודערט וועגן דער שוואַרצער בחורטע.

געזעגנענדיק זיך מיט מיר, זאָגט דער „דראַגונער״: „הער! וועגן דעם, וואָס איך האָב מיט דיר גערעדט — וועגן ציוניזם — דאַרפסטו נישט קיינעם איבערחזרן, ווייל איך קאָן קריגן פאַר

מיין רעדן פּולווער צו שמעקן. מיר לעבן דאָך אונטער אַ ציוניסטישער דיקטאַטור, וואָס פאַר דער מינדסטער קליינינקייט פירט מען אין תּפיסה אַריין, דעריבער...״

„האָב קיין מורא נישט — רייס איך אים איבער — איך װעל דיך נישט מסרן, איך בין נישט קיין ציוניסט.״

„מכח דעם, וואָס איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט נישט איבערחזרן, וועגן וואָס איך האָב מיט דיר גערעדט — זאָגט דער „דראַגונער״ — וועל איך דיר דערציילן, וואָס עס איז מיט מיר פאַרלאָפן מיט אַ קורצער צייט צוריק.״

„אפשר — בעט איך מיך — וועט מען דאָס איבערלאָזן אויף אַ צווייט מאָל?״

„איך וועל דיר דערציילן בקיצור — זאָגט ער — נאָר הער אויס. איינמאָל בין איך אַדורכגעגאַנגען צופעליק אויף אַלענביי-גאַס און געזען מאַסן מענטשן לויפן. איך האָב ביי עטלעכע מענטשן געפרעגט וואָס זיי לויפן, און יעדער האָט מיר געענפערט נישט מער ווי איין וואָרט: „כינקעס״. דיר — זאָגט ער — איז באַקאַנט אַ נאָמען כינקעס? מיר איז אזא נאָמען פון דער הפטורה נישט באַקאַנט געווען, און ענדלעך האָב איך געטראָפן צווישן די נאָכלויפערס מיינעם אַ באַקאַנטן און אים געפרעגט, ווער איז דער כינקעס, וואָס מען לויפט אים נאָך״.

מיין באַקאַנטער — דערציילט ער ווייטער — האָט צו מיר געזאָגט: „חמור *)! ווייסט נישט ווער כינקעס איז?״

„ניין, איך ווייס נישט — דעריבער פרעג איך, האָב איך אים געענטפערט און צוגעגעבן: ולא הבישן למד״**).

„כינקעס — האָט מיין באַקאַנטער געזאָגט — איז אַ נאַציאָנאַלער העלד״.

„מיט וואָס — האָב איך געפרעגט — האָט ער זוכה געווען צו באַקומען דעם דאָזיקן נאָמען?״

„כינקעס — ענטפערט ער מיר, — האָט זיך אַלס פּאָליציאַנט, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אַריינגעריסן

*) חמור — אייזל

**) ולא הבישן למד — דער וואָס שעמט זיך צו פרעגן, דער ווייסט נישט.

אין אַן אַראַבישער וווינונג און האָט אויסגעשאָסן אַ גאַנצע אַראַבישע פאַמיליע. ער איז ערשט נעקומען פון תפיסה, און מאָרגן וועט ער זיין אויף דעם מעטש פון „הפועל". ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ בעיטת-כבוד. (ערן-קאַפּע)

פאַרגעסנדיק ווו איך געפין זיך אין דער וועלט — זאָגט דער „דראַגונער" – האָב איך מיין באַקאַנטן געזאָגט: ווי איך זע איז דער כינקעס אַ „מושלם בכל המעלות*). מיט די הענט קאָן ער אויסשיסן אַ גאַנצע פאַמיליע און מיט די פיס קאָן ער געבן אַן ערן-קאַפּע אויף דעם „הפועל"-מעטש, און אַזעלכע זענען דאָס אונדזערע נאַציאָנאַלע העלדן? אוי לאזנים שכך שומעות! (ווי צו די אויערן וואָס הערן אַזעלכעס).

נאָר צוויי פייערדיקע פעטש זענען געקומען פון מיין באַקאַנטן, אַלס ענטפער אויף מיינע ווערטער".

„דו ביסט אַזאַ קלוגער – זאָג איך צו דעם „דראַגונער" און האָסט זיך באַנאַרישט? פון היינט אָן זאָלסטו שוין געדענקען, אַז דאָ טאָר מען נישט רעדן".

„ווי אַזוי – זאָגט דער „דראַגונער" – האָב איך געקאָנט געדולדיק שווייגן, אַז דאָס פּנים איז מיר געוואָרן רויט פאַר בושה, הערנדיק, אַז אַזאַ פאַרשוין ווערט גערופן נאַציאָנאַלער העלד און דערצו נאָך, לאַדנט אים דער „הפועל" איין צוגעבן אַ ערן-קאַפּע".

16

איך קאָן נישט שלאָפן. — הונגעריקע גייען גנבענען. — אַנשטאָט אַן עקסמיסיע.

אויפקומענדיק פאַרטאָגס פון דער דושנעקייט אין צימער האָב איך באַמערקט, אַז ל. געפינט זיך נישט אין שטוב. איך האָב זיך אָנגעטון און בין אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך. אַ ציטער האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך האָב באַמערקט, אַז ל. זיצט אויף אַ בענקל און שלאָפט, ווייל עס איז אים דושנע אין קליינעם דאַך-שטיבל צו שלאָפן.

נישט וועלנדיק ל. איבערוועקן, בין איך אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס.

*) א פעיקער צו אלעם.

צוקומענדיק נישט ווייט פון תנובה־געשעפט אויף באַראַ־כאָוו־גאַס, האָב איך באַמערקט, ווי צוויי אַרבעטער שטייען ביי דעם געשעפט און זיי פאַרען זיך מיט די פלעשער מילך, וועלכע שטייען ביים איינגאַנג פון תנובה־געשעפט.

שוין פיל מאָל האָב איך געהערט, אַז עס ווערט גע־גנבעט ברויט, פוטער, מילך און אַנדערע עסנוואַרג, וועלכע די פורמאַנעס לייגן פאַרטאָגס אָפּ ביי די געשעפטן, אָבער איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז אַרבעטער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער „אַרבעט", ליידער זע איך מיט מיינע אויגן, אַז צוויי באַ־קאַנטע אַרבעטער פון „הסתדרות" פאַרען זיך מיט די פלעשער מילך, וועלכע זיי פאַקן אַריין אין אַ וואַליזקע.

די צוויי אַרבעטער האָבן מיך גלייך באַמערקט און זיי האָבן זיך שטאַרק פאַרלוירן. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די וואַ־ליזקע און געקוקט אויף מיר, וואָס איך וועל זאָגן דערויף.

ווי איך האָב געזען, אַז זיי ווערן בלאַס, האָב איך זיי געפרעגט מיט אַ שמייכל: „חברה, וואָס טוט איר?"

זיי האָבן אַרויסגענומען צוריק די עטלעכע פלעשער מילך פון דער וואַליזקע און איינער האָט געענטפערט ווי צו זיך רע־דנדיק: „עס האָט זיך פאַרגלוסט אַמאָל מילך צו טרינקען."

„מן־הסתם — רוף איך זיך אָן — גליסט אייך נישט דאָס ערשטע מאָל מילך צו טרינקען."

„אָבער איר וועט קיינעם נישט דערציילן — ווענדעט ער זיך שוין דירעקט צו מיר, — פאַרשטייט — זאָגט ער ווייטער — עס גייט נישט אין די מילך, ווייל מען קען אָן דער מילך אויך לעבן."

„נאָר אין וואָס דען גייט אייך, אַז נישט אין די מילך" — פרעג איך.

„עס איז בעסער, אַז מען ווייסט נישט דערפון" — וואַרפט דער צווייטער צו.

„הערט חברה — זאָג איך — איר דאַרפט נישט פאַר מיר מורא האָבן, איך וועל דערוועגן קיינעם נישט דערציילן, קומט — זאָג איך אַביסל חבריש — מיר וועלן זיך אַ ביסל אַדורכשפּאַ־צירן, און איר וועט מיר זאָגן צו וואָס איר האָט געוואָלט גע־

מען די מילך, אויב איר אַליין זאָגט, אַז אָן מילך קאָן מען אויך לעבן".

צו פועלן ביי די צוויי אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך מיט מיר אַדורכשפּאַצירן, איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען. דאָך, נאָך אַ לענגערער הבטחה, אַז איך בין נישט אויסן דערמיט זייער שלעכטס, איז איינער מיט מיר מיטגעגאַנגען, און דער צווייטער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער וואַליזקע.

נאָכן אָפּגיין עטלעכע צענטליק מעטער מיט דעם אַרבעטער האָב איך אַרויסגענומען די פּייקע צו פאַררייכערן און כ'האָב געפרעגט מיין מיטשפּאַצירנדיקן צי ער רייכערט.

„וואָס קומט אַרויס, אַז איך רייכער — זאָגט ער — אַז בלויזן טאַבאַק אָן ביבולקע קאָן מען נישט רייכערן. אפשר — גיט ער צו — האָט איר אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר, וואָלט איך זיך געקאָנקט דרייען אַ פּאַפּיראָס".

איך האָב אַרויסגענומען דעם „דבר", וועלכן איך האָב געהאַט ביי זיך, אים געגעבן און געזאָגט: „דאָ האָסטו, חבר, צייטונג־פּאַפּיר".

אַז ער האָט זיך געמאַכט מיט דעם צייטונגס־פּאַפּיר דעם פּאַפּיראָס, האָבן מיר אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג צו דער אחד־העם־גאַס.

שפּאַצירנדיק, האָב איך מיט דעם אַרבעטער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן פאַרשידנס, אויסמיידנדיק צו דערמאָנען וועגן די פלעשער מילך, כדי ער זאָל האָבן צוערשט צו מיר אַביסל צוטרוי.

אַז מיר זענען שוין געווען ביי אַלענבי־גאַס, האָב איך אים געפרעגט: „אפשר וועלן מיר זיך אַוועקזעצן אַביסל אין שדרות־ראָטשילד אויף אַ באַנק"?

„ריכטיק — זאָגט ער — צוואָס זאָלן מיר בחינם די שיך רייסן".

אַז מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין שדרות־ראָטשילד, האָב איך שוין געפילט, אַז איך האָב שוין געוואונען דעם צוטרוי פון מיין שפּאַצירנדיקן, און אַרויסלאָזנדיק אַ שטאַרקן וואָלקן־רויך פון דער פּייקע — האָב איך אים געפרעגט: „זאָג

מיר חבדיש, צו וואָס האָט איר געוואָלט נעמען די פּלעשער מילך?״

ער האָט געקוקט אויף דעם וואָלקן רויק און האַלב פאַר־טראַכט האָט ער געזאָגט: „איך וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, נאָר עס זאָל בלייבן צווישן אונדז. זיי וויסן — גיט ער צו — אַז אַ מענטש האָט צוויי אויערן און איין מויל, ווייל הערן קאָן מען אַלץ, אָבער איבערחזרן דאַרף מען ווייניק״.

„דו קענסט דערוועגן רויק זיין — זאָג איך — כ׳וועל קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן.״

„די מילך, וואָס מיר האָבן געוואָלט נעמען — הייבט ער אָן דערציילן — איז צוליב דעם, ווייל מיר זענען שוין אי־בער פינף חדשים אַרבעטסלאָז. און די מילך איז נישט דער עיקר; אונדז גייט אין די פּלעשער, ווייל פאַר אַ פלאַש באַקומט מען אַ פּיאַסטער און טייל מאָל צוועלף מילים, און אַז מיר נע־מען אַ פיר אָדער פינף פלעשער, האָבן מיר דעם טאָג אַדורכ־צו קומען.״

„געלונגט אייך אַלע טאָג צו נעמען פלעשער מילך — פרעג איך אים״.

„יאָ, טייל מאָל — זאָגט ער — נעמען מיר פּעקלעך פוטער אויך. די פוטער נעמען מיר נאָר אין די טעג, וואָס מיר דאַרפן צאָלן דירה־געלט״.

„חבר — זאָג איך — אייער טראַגעדיע, ווי איך זע, איז שרעקלעך, אפשר וואָלסטו מיר דערלויבט צו פאַרצייכענען אונדזער געשפרעך?״

„צו וואָס — זאָגט ער — ווילסטו פאַרצייכענען וואָס איך דערצייל דיר?״ און ער גיט מיך אַ קוק אָן מיט פאַרדאַכט.

„האָב קיין מורא נישט — זאָג איך — איך בין נישט אויסן דערמיט דיר צו טון אַ רעה, איך וויל נאָר דעם גע־שפּרעך פאַרצייכענען בלויז צוליב דעם, ווייל איך וויל דאָס אַוועקשיקן אין אַ גלות־צייטונג, זאָלן אחינו בני־ישראל וויסן ווי פויגלדיק עס איז דאָ, און זאָלן זיי זיך נישט רייסן און צאָלן טויזנטער פאַר סערטיפיקאַטן״.

„איר זענט אַ קאָרעספּאָנדענט ? פון וועלכער צייטונג ?"
פרעגט ער מיט דרך-ארץ.

„נישט וויכטיק, פון וועלכער צייטונג — זאָג איך — אָבער דערלויב מיר דעם געשפּרעך צו פאַרצייכענען פאַר אַן אָביעקטיווער צייטונג, און דו דאַרפסט נישט — גיב איך צו — צוליב דעם וואָס איך וויל איבערשיקן דעם געשפּרעך אין דער פּרעסע — מיר צו זאָגן איר, איך בין נישט קיין פּריץ, דו קאָנסט מיר ווייטער זאָגן דו, און נישט איר".

„קאָנסט פאַרצייכענען — זאָגט ער — און שרייב אַלץ, גיב זיי אין טאַטן אַריין".

„מען דאַרף גאָרנישט - זאָג איך - געבן אין טאַטן אַריין. דאָס בעסטע איז ווען מען גיט די נאַקעטע ווירקלעכקייט, און דאָס זאָגט פיל מער, ווי מען גיט אין טאַטן אַריין, נו — זאָג איך — דערצייל ווי עס לעבט זיך, נאָר אָן פאַנטאַזיעס, און מיר דאַרפסטו אין טאַטן אַריין נישט געבן".

„שוין איבער פינף חדשים — חייבט ער אָן — וואָס איך מיט דעם חבר מיינעם, וואָס איז אַהיימגעגאַנגען, זענען אַר-בעטסלאָז. איך בין שוין זעקס יאָר אין פּאַלעסטינע, און מיין חבר איז ערשט דאָ צוויי יאָר, אָבער ער איז געווען דריי יאָר אויף הכשרה. אין דער ערשטער צייט, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט, האָבן מיר פּראָסט פּשוט געהונגערט, נאָר ווען דער ווירט האָט אָנגעהויבן צו פּייניקן וועגן דירה-געלט, דעמאָלט איז אונדז געוואָרן ביטער ווי גאַל.

מיר האָבן לאַנג געטראַכט — דערציילט ער ווייטער — ביז מיר האָבן זיך דעצידירט : מיר האָבן ביי עטלעכע מחלבות אָוועקגענומען צו עטלעכע פּעקלעך פּוטער און דערפון געמאַכט געלט. מיר האָבן באַצאָלט דעם פונט מיט צוואָנציק פּיאַסטער פאַר דעם ווערעמדיקן צריף-צימערל, אין וועלכן מיר וווינען.

ער גיט אַ קרעכץ און זאָגט : „איידער מען קוקט זיך אַרום איז שוין ווידער אַ פרישער חודש און עסן ווילט זיך אויך, כאָטש איין מאָל טעגלעך, האָבן מיר כמעט אַלע טאָג גענומען עטלעכע פלעשער מילך און פון דעם האָבן מיר גע-לעבט. טייל מאָל ווינטשט מען זיך בעסער דעם טויט, איידער

אַרויסצוגיין נעמען די מילך. פיל מאָל, אַז מען קומט צו, זעט מען, אַז אַן אַנדערער פאַרעט זיך שוין ביי די פלעשער, און אין אַזאַ טאָג קומט אויס ממש צו הונגערן.

אין עטלעכע מחלבות – גיט ער צו — איז שוין לעצטנס נישט מעגלעך צו נעמען, ווייל די מילך און פוטער ווערן דורכן פורמאַן וועלכער ברענגט דאָס, פאַרשלאָסן אין אַ ספּעציעל פאַרגעבערייטן קאַסטן, כדי מ׳זאָל נישט קאָנען חלה נעמען. יאָ, אַזוי שוואַרצן מיר זיך אַדורך שוין עטלעכע חדשים און קיין אויסזיכט אויף בעסערע צייטן איז נישטאָ. נו, וואָלט מיין טאַטע געגלייבט, אַז זיין זון עסט איין מאָל אין טאָג און דאָס ערשט פון גנבה, שוין עטלעכע מאָל האָב איך באַקומען בריוו פון דער היים. זיי פרעגן זיך פאַרוואָס איך שרייב נישט קיין בריוו. אָבער וואָס קאָן איך זיי שרייבן? ווען זיי דען מיר גלויבן, אויב איך וועל אַהיים שרייבן, אַז איך האָב נישט צו עסן? ביי זיי בין איך דאָך אַ גליקלעכער, איך בין דאָך אין פּראָספּעריטי-לאַנד. יאָ — ענדיקט ער — דאָס איז מער ווי-ניקער — וואָס איך האָב דיר געהאַט צו דערציילן, און דו קאָנסט דאָס אַלץ שרייבן אין דער צייטונג."

נאָך אַ געוויסער צייט, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז דער גורל געפאַלן אויף אונדז.

מיר זענען שולדיק געבליבן פאַר אַ חודש דירה-געלט, האָט דער ווירט און די ווירטין יעדן טאָג אונדז געמאַטערט וויסטע סקאַנדאַלן.

אויף די שמוציקע זידלערייען, וועלכע דער ווירט האָט אויף אונדז עטלעכע טעג געוואָרפן, האָט זיך איינעם פון מיינע צימער-שותפים פאַרגלוסט צו ענטפערן דעם ווירט מיט עטלעכע קריטישע ווערטער אויף דעם אַדרעס פון ציוניזם, וועלכער האָט געברענגט מענטשן אין פאַלעסטינע, זיי זאָלן אויסגיין פון הונגער און דערצו נאָך ווערן דאַכלאָז.

קיין בעסערע טובה האָט דער ווירט פון אונדזער זייט נישט געדאַרפט און אָנשטאָט, וואָס ער זאָל אַריינלייגן געלט אין געריכטס-קאַסטן אויף אַן עקסמיסיע איז ער געגאַנגען בע-

סער דאָרט, ווו מען דאַרף... מעלדן, אַז מיר קריטיקירן דעם ציוניזם.

דעם זעלבן אָוונט זענען עטלעכע ציוניסטישע אַגענטן מיט דעם אַגענט שטיינבערג בראש געקומען אונדז אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

פון דעם טאָג הייבט זיך אָן אַ פריש קאַפּיטל פון הונ־גער און נויט מיט אַ צולאָג פון צרות און פּיין, וואָס מיר זע־נען אויסגעשטאַנען פון די ציוניסטישע אַגענטן.

וועגן דעם — אין צווייטן באַנד.